דעקרעט: מלוכה-פרעזידענט צו שליסען די סיים-סעסיע

היינט אין נומער: אַרטיקלען און פעליעטאָנען פון ד"ר יהושע טהאָן, ד"ר י. וויגאָדסקי, מ. מ. אוסישקין, מ. ראַזומני, י. נאַכבאַרין, אינזש. ר. זיגער, אבֿ. אגדה.

טראַגעדיע פון אַ פראַנצויזיש-יודישן מלוכה-מאַן
האָט אנגעהויבען זיין קאַריערע אַלס צווייטער ד'איזראַעלי און געשטאָרבען איינזאַם און פערלאָזען פון אַלעמען.

די געשיכטע פון פרינץ קאַראָל'ס ליבעס-סקאַנדאַלען אין רומעניען.
ווי אַזוי ער איז געראָדפט געוואָרען צוליב זיין חתונה מיט אַ יוד. ווייבעל

№ 143 — Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem — פרייז 20 גראָשען — Lodzer Tageblat

לאָדזשער טאַגעבלאַט

היינט 8 זייטען

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 10057, פון אדמיניסטראַציע 10047. | זונטאַג, כ"ו סיון פ' קרח תר"צ | 22 czerwca 1930 r. | 23-טער יאַהרגאַנג

פּאַרק העלענאָוו | זונטאָג ד. 22-טן יוני 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר לטובת דער נאַכט פּאַגאַטאָוויע ביים „לינת הצדק" | **פּאַרק העלענאָוו**

אַ גרויסע גאַרטען-פערוויילונג

– מיט אַ איבערראַשענד – **רייכען פּראָגראַם**

2 אָרקעסטערס פאַנטאַזיע לאָטעריע מיט זעהר ווערטפולע פאַנטען (50 גר. אַ לאָס) לודקעס, קאָנפעטי, בענגאַל. פייער. רייכהאַלטיגער כשר'ער בופעט. **דאַנסינג אויף דער פריי!**

בעמערקונג: דער סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה. דיר. ט. רידער וועט אויספיהרען ספעציעל יודישע קאָמפּאָזיציעס. פאַר אַרבייטער און אינטעליגענץ הנחה-בילעטען צום פרייז 1 זל.

גאַנץ לאָדז איז בערוישט אין דערוואַרטונג אויף דעם **געדענקט דעם 28-טען יוני 1930** גאַנץ לאָדז איז בערוישט אין דערוואַרטונג אויף דעם

גרעסטען בלומען-פעסט פונ'ם סעזאָן אין יוליאַנאָוו

לטובת דעם יודישען פעראיין פון קריגס-אינוואַלידען, אַלמנות און יתומים פון דער שטאָט לאָדז און לאָדזער וואָיעוואָדזטוואָ
געדענקט דעם 28-טען יוני 1930 אין יוליאַנאָוו. — געדענקט דעם 28-טען יוני 1930 אין יוליאַנאָוו.

דער יודישער פליישער-פעראיין, פּיעטריקאָווער 24 דריקט אויס זיין מיטגעפיהל דעם מיטגליד ה' **דוד דיאַמענט** צוליב דעם טויט פון זיין אונפערגעסליכען פאָטער

ליב נ"ע

המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואַלטונג.

דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה' **דוד דיאַמענט** צוליב דעם טויט פון זיין הייסגעליבטען פאָטער

ליב נ"ע

המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דוד שוואַרץ, אַנשעל צאַלעל, העניך גערשיניאַק.

מרחוק הנני שולח השתתפותי בצערו ויגונו של חברי וידידי **אברהם לרנר** בהלקח ממנו בדמי ימיה

אשת נעוריו

בעבודתו בעד עמו וארצו ימצא נחומים.

מיכאל פלאטא
כעת בבאַד זיידען.

די פרוי און קינדער פון דער פאַמיליע פון אונזער פערשטאָרבענעם מיטגליד

שמואל משה ב"ר פנחס ז"ל קויפמאַן נ"ע

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
די פערוואַלטונג פון פליישער-הורטאָווניקעס-פעראיין
פּאַדרזשעטשנאַ 10.

„בית-יתומים" זגערזשער 40.

היינט זונטאַג, דעם 22.6, 11 פריה קומט פאָר אין רודאַ-פּאַביאַניץ אין דער אייגענער קאָלאָניע

אַ גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס-פערזאַמלונג

געווידמעט דעם דינסטאַג'דיגען בלימעל-טאָג אין אונזער שטאָט לטובת דער איבענדערמאַנטער זומער-קאָלאָניע פאַר די עלענדע יתומים. האָבען מיר דערמיט דעם כבוד איינצולאַדען אַלע אונזערע געעהרטע מיטגלידער און סימפּאַטיקער און מיר בעטען צאָהלרייך צו ערשיינען.

די פערוואַלטונג.

בעמערקונג: קאָמוניקאַציע געזיכערט. יעדע 15 מינוט פון גייערס מאַרק.

בית ספר עבר"ס

„יבנה" ציגעל-גאַס 75

טעלעפאָן 13-134.

די לייטונג פון דער שולע מעלדעט, אַז איינשרייבונגען אין אַלע קלאַסען ווי אויך אין די פרעבעל-שולע און Ao ווערען אָנגענומען ביז'ן 1 יוני די קאַנצעלאַריע פון דער שולע איז טעטיג פון 8 ביז 2 נאָכמיטאָג.

פּענסיאָנאַט

פון אינהאַבערין א. גייסט

איז שוין געעפענט געוואָרען אין לוטאָמיערסק זשעלאַזנאַ 10 נעבען דעם שטאָט-ראַבינער.
פאַר קינדער און שול-יוגענד ווי אויך פאַר דערוואַקסענע. שטרענג כשר.

Dr. med. M. Heller

ספעציאַליסט פאַר הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע
נאַוראַט 2, טעל. 179-89
נעמט פאָן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אָווענד פאַר פרויען פון 4—5 נאָכם.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע פרייזען.

Dr. med. H. Różaner

ספעציאַליסט פון הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען און קינדערלאָזיגקייט
נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעל. 128-08
נעהמט אָן פון 8—10; 5—8 אָווענד
אַ ספעציעלער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. D. RAWICZ

ספעציאַליסט פאַר קינדער און אינערליכע קראַנקהייטען
צוריקגעקערט און איבערצויגען
קילינסקיעגאָ 49 טעל. 154-36
נעמט אָן פון 3—5 נאָכם.

Dr. Niewiażski

אַנדזשעיאַ 5 טעל. 159-40
נעמט אָן פון 8—11 פריה און פון 5—9 אָווענד.
ספעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואַכע בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
פאַר דאַמען ספעציעלער וואַרטע-זאַל.

Dr. Ludwik Falk

ספעציאַל-אַרצט פאַר הויט און געשלעכטס-קראַנקהייטען
נאַוראַט 7, טעל. 128-07
נעמט אָן פון 10—12, 5—7 אָווענד.

Dr. med. J. Goldberg

ספעציאַליסט פאַר אויגען-קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 11—1 טעגליך
צעגעלניאַנאַ 15 וואָלטשאַנסקאַ 10 טעל. 186-13

Dr. med. H. Lajchter

צאָהן-כירורג
קיפער, דזשאַנסלעס גומען, צינג-קראַנקהייטען א.ד.ג.
זשעלאַזנאַ 9 טעל. 149-66 1 שטאָק פראָנט.
נעמט אָן פון 2.30 נ"מ. ביז 6.30 אוו.

Dr. med. E. Reicher

ספעציאַל אַרצט
פאַר הויט האָר און ווענערישע קראַנקהייטען
דיאַטערמיע-בעהאַנדלונג און עלעקטראָ-טעראַפּיע
פּאָלודניאָווע 28 טעל. 201-93. נעמט אָן פון 8—11 פריה און 6—9 אָווענד. זונטאַג פון 9—2 מיטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פרייזען

סטאַרשי-פעלדשער

B. Joskowicz

שטעלט פּאָקען טעגליך מיט פרישער קראָוויאַנקע און גיט אויך אַרויס שוויאַדעצטוואָס
פּולנאָצנאַ 4 — Północna טעלעפ. 141-86
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—6 אָווענד.

Dr. med. J. LUBICZ

Ortopeda
גראַנסקאַ 28, טעל. 183-17
ספעציאַליסט פון ביינער און געלענקען-קראַנקהייטען פערקרימונגען פון פליצעס און גלידער
פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען, די הקלאַדקעס געגען פּלאַטפוס, קוינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען א. א. וו.
נעמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכם.

סטאַרשי כירורגישער פעלדשער

י. סענדער

פּאָמאָרסקאַ 14, טעל. 162-83
פראָנט 2-טער שטאָק.
וועלכער האָט פּראַקטיצירט אין פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל 14 יאָהר. נעמט אָן אַלע אַרט קראַנקע צו יעדע צייט.

Dr. med. Adam Bender

נאַרוטאָוויטשאַ 30 טעל. 114-75
ספעצ. פאַר אינערליכע און האַרץ-קראַנקהייטען

Bank Spółdzielczy Kupców i Przemysłowców w ŁODZI

Spółdz. z ogr. odpow. — Tel. 136-46 i 188-34

39 צעגעלניאַנאַ 39

פראָנט 1-טער שטאָק — פראָנט 1-טער שטאָק

נעמט אָן וועקסלען, פראַכטען און פערשידענע דאָקומענטען אויף אינקאַסאָ אויף אַלע פלעצער אין גאַנץ פוילען ביי אַ מינימאַלער פּראָוויזיע און צאָהלט אויס דעם זעלבען טאָג, ווייזט איבער געלד אויף גאַנץ פוילען, נעמט אָן וועקלאַדען איינלאַגען, נדן-געלדער און קלענערע אָפּשפּאָרונגען אויף די בעסטע בעדינגונגען, מאַכט דיסקאָנטאָ און גיט אַרויס אַוואַנסען אויף 'אינקאַסאָ.

ערלעדיגט אַלץ פּינקטליך און רעיעל.

די באַנק איז אָפען פון 9 ביז 2 מיטאָג.

מלוכה-פּרעזידענט געשלאָסען די סיים-סעסיע

מאָרגען וועט די סיים-אָפּאָזיציע ווידער אַריינטראָגן אַ פּעטיציע וועגן צונויפרופן דעם סיים

מאַנדאַט-קאָמיסיע פאָדערט אויף ענגלאַנד ענערגישער אויסצופיהרען דעם מאַנדאַט

וו אַ ר ש אַ, 21 יוני (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). ווי בעוואוסט, האָט מאַרשאַל דאַשינסקי צונויפגערופען אויף מאָנטאָג דעם 23 ד. ח. אַ זיצונג פון סיים.

היינט 2 אַ זייגער נאָכמ. איז געקומען אין סיים אַ פאָרשטעהער פון פּרעזידיום פון מיניסטאָרען-ראַט און איבערגעגעבען אַ דעקרעט פון מלוכה-פּרעזידענט צו שליסען די אויסערגעוועהנליכע סיים-סעסיע.

אין די פּאָליטישע קרייזען, וואָס שטעהען נאָהנט צו „צענטראָלעוו" פאַרזיכערט מען אַז נאָך מאָרגען מאָנטאָג וועט דער צענטראָלעוו צוגרייטען אַ נייע פּעטיציע צום מלוכה-פּרעזידענט וועגן צוזאַמענרופען אַ נייע סעסיע פון סיים.

ענגלאַנד וועט פאַרעפענטליכען די בריף צום קעניג הוסיין

לאָנדאָן (יט"א) ד"ר שילס האָט ערקלערט אין פּאַרלאַמענט, אַז גאָר בקרוב וועט די ענגלישע רעגירונג פּערעפענטליכען ערקלערונגען וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ פון מאַק מאַהאַן און דעם שעריף הוסיין.

קאָנפערענץ סימפּסאָן-אוסישקין

ירושלים, 21 יוני (יט"א) סימפּסאָן האָט אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט אוסישקינ'ען.

ענגלאַנד ווערט אויפגעפאָדערט פון דער מאַנדאַט-קאָמיסיע

ענערגיש אויסצופיהרען די בעשטימונגען פון מאַנדאַט

גענף, 21 יוני (יט"א) די שטענדיגע מאַנדאַט-קאָמיסיע האָט היינט אָנגענומען דעם בעריכט וועגען דער אַדמיניסטראַציע פון דער מאַנדאַט-מאַכט און וועגען דער לאַגע אין ארץ-ישראל. דער בעריכט איז אַ פּועל יוצא פון די זיצונגען פון דער אויסערגעוועהנליכער א"י-סעסיע.

דער בעריכט איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג. די זיצונג איז געווען אַ פּערטרויליכע און דער טעקסט פון בעריכט איז דעריבער נישט-בעקאַנט. ערשט סוף יולי זאָל דער בעריכט פּערעפענטליכט ווערען.

ווי דעם קאָרעספּאָנדענט פון יט"א איז געלונגען זיך צו דערוויסען, זאָל דער בעריכט ענטהאַלטען אַנ'אויפפאָדערונג צו דער מאַנדאַט-מאַכט ענערגישער אויסצופיהרען די בעשטימונגען פון מאַנדאַט.

שווים- און באָקסער-קורסען פאַר יודישע ספּאָרטסלייט

וו אַ ר ש אַ, (יט"א)

דעם 14-טען יולי הויבען זיך אָן אין פּינסק און ראָוונע שווים- און באָקסער-קורסען פאַר ספּאָרט - אינסטרוקטאָרען, וואָס ווערען אָרגאַניזירט דורך דער פּוילישער אָפּטיילונג פון מכבי-וועלטפערבאַנד. דער קורס נעמט אַרום פּראַקטישע און טעאָרעטישע אויסשולונג.

איינייעהריגע מיליטער-דינסט אין פראַנקרייך

פּ אַ ר י ז, 21 יוני (א.ט.ע.) פון 15 אָקטאָבער געהט אַריין אין קראַפט אַ געזעץ, לויט וועלכען די צייט פון מיליטער-דינסט ווערט פערקלענערט אויף אַ יאָהר צייט. די פעראָרדנונג דערוועגען איז שוין ערשינען אין היינטיגען נומער פון אָפיציעלען אָרגאַן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג.

די פאָרבערייטונגען צו דער ערעפנונג פון ישיבת חכמי לובלין

לובלין, (ספּ. צום „ל. ט.")

דער חגיגה קאָמיטעט האָט זיך איינגעטיילט אין פערשידענע סעקציעס: אויפנאַם - סעקציע, טעכנישע סעקציע און פינאַנץ-סעקציע.

די היגע פירמע „אויטאָ-רעפּרעזענטאַציע" האָט געמאָלדען דעם חגיגה-קאָמיטעט, אַז זי שטעלט צו דיספּאָזיציע פון קאָמיטעט איינעגע לוקסוס-אויטאָס איבערצופיהרען די וויכטיגע געסט, וועלכע וועלען דאָ ווייל ען אין צייט פון דער-פייערונג.

פיל פון די גרעסטע קהלות אין לאַנד האָבען געמאָלדען, אַז זיי שיקען זייערע אָפיציעלע פערטרעטער אַנטייל צו נעהמען אין די פייערונג.

פון אויסלאַנד זענען שוין אָנגעקומען בעשטעטיגונגען פון פערשידענע דעלעגאַציעס, וועלכע קומען צו דער חגיגה, דערונטער פון אַמעריקאַ, ענגלאַנד, שווייצאַריע, טשעכאָסלאָוואַקיי, עסטרייך, דייטשלאַנד, בעלגיען און רומעניען.

אין דער היגער סטאַראָסטווא איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, ווי אַזוי צו האַלטען אָרדנונג אין טאָג פון פייערונג און אויך צו בעזאָרגען די בעפעלקערונג אין די נויטיגע פּראָדוקטען.

פון דער לעצטער מינוט

אַנ'ענגלישע פּאָליציאַנט האָט אונטער אַ שבועה עדות געזאָגט לטובת אור-פּאַלי.

* * *

אין רומעניען שטעלט ביעלצי זיך געגען בולגאַנגס בעפעלען יורען.

* * *

מאָרגען, מאָנטאָג הויבט די כותל-מערבי-קאָמיסיע אָן איהרע אַרבייטען. בראש פון יודישען פעראייניגטען פראָנט וועט שטעהן דער פראַנצויזישער רב הכולל ישראל לעווי.

* * *

דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי, טוראַטי האָט ערקלערט, אַז אַ מלחמה צווישען פראַנקרייך און איטאַליען איז אוממעגליך.

* * *

דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט הובער האָט פאָרבאָטען אויסצופיהרען קריגס-בעשטעלונגען פאַר דער סאָוויעטישער רעגירונג.

* * *

אין פראַנקרייך האָט מען געפונען אַ טויטען קערפּער, וואָס איז עהנליך צום פערשוואונדענעם גענעראַל קוטיעפּאָוו.

* * *

די אָפּאָזיציאָנעלע ראַטמענער פון וואַרשאָווער רשטאָט-ראַט האָבען בעשלאָסען צו רעזיגנירען פון זייערע מאַנדאַטען, אויב די רעגירונג וועט נישט פּוינאַנדערלאָזען דעם שטאָט-ראַט.

* * *

נעכטען איז אין וואַרשאַ געשטאָרבען דער סעמינאַריסטישער רב הרב בנימין אליהו רעמיגאָלסקי 58 יאָהר אַלט.

* * *

נעכטען זענען אין זאַקסישען גאָרטען אין וואַרשאַ כוליגאַנעס בעפאַלען דעם ראַדזימינער רבי.

פייערליכער קבלת-פּנים פאַר'ן מלוכה-פּרעזידענט אין דער גרויסער ווילנער שטאָט-שוהל

גלענצענדע רעדע פון סענאַטאָר הרב רובינשטיין פאַר'ן פּרעזידענט

ווילנע. — דאָנערשטאָג 12 אזייגער בייטאָג האָט דער מלוכה-פּרעזידענט בעזוכט די ווילנער שטאָט-שוהל. די אויפנאַהמע איז געווען אַנ'אויסערגעוועהנליך-פייערליכע און אומפּאָזאַנטע.

די אַלטע ווענט זענען בעמאָלט און אָפּגעפּרישט געוואָרען, און דער גאַנצער לענג און ברייט האָט מען פונאַנדערגעהאָנגען גרינע גירלאַנדעס.

ביים אַריינגאַנג אויפ'ן שוהל-הויף איז אויפגעבויט געוואָרען אַ פּרעכטיגער טריאומף-טויער מיט אויפשריפטען אויף פּויליש און העברעאיש: — „געבענטשט ביסטו מיט דיין קומען און געבענטשט מיט דיין אַוועקגעהן".

פון זייגער 10 פריה האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צוזאַמענקלייבען שילער פון די יודישע שולען, וועלכע האָבען זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטען גאַס איז געבילדעט שפּאַלערען. די אָרדנונג איז געווען אַ מוסטערהאַפטע.

דער גאַנצער וועג אויפ'ן שוהל-הויף צו דער שטאָט-שוהל איז געווען אויסגעלעגט מיט טעפּיכער, פון ביידע זייטען זענען געווען אויסגעשטעלט שומרים פון „ברית-טרומפּעלדאָר" מיט זייער אָרקעסטער, די גבאים און אָרגאַניזאַטאָרען זענען געגאַנגען אין צילינדערס, ווייסע וועסטען און ווייסע הענטשקעס.

ביים אַריינגאַנג אויפ'ן שוהל-הויף האָבען דעם פּרעזידענט מקבל-פּנים געווען דאָס פּרעזידיום פון דער קהלה. דער פּ. ד"ר ווינאָדזקי האָט געהאַלטען אַ קורצע בעגריסונגס-רעדע.

אין דער שוהל האָבען דעם פּרעזידענט אויפגענומען סענאַטאָר הרב רובינשטיין און הרב פריד, וועלכע האָבען איהם געבענטשט.

דער חזן מיט'ן כאָר זינגען ברוך הבא און „שאו שערים". נאָכדעם ווי דער פּרעזידענט ווערט צוגעפיהרט דורך הרב רובינשטיין צו זיין פּאָטעל, וואָס איז אַוועק געשטעלט אויף אַ ספּעציעלער עסטראַדע האַלט הרב רובינשטיין, ביי אַ געוואַלטיגער שפּאַנונג פון אַלע אָנוועזענדע, אַ פייערליכע בעגריסונגס-רעדע און נאָמען פון דער ווילנער קהלה און דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג. הרב רובינשטיין האָט אין אַ מייסטערהאַפטער רעדע געשילדערט פאַר'ן פּרעזידענט די גרויסע בעדייטונג פון „ירושלים דליטא" פאַר דער יודישער רעליגיע און קולטור.

ער האָט אויך אויסגעדריקט אַ האָפענונג, אַז דעם פּרעזידענט'ס בעזוך אין דער גרויסער שוהל זאָל אויך דינען אַלס סימבאָל פון אונזערע גלייכע רעכט און גלייכע ווערט פאַר דער מלוכה.

ווען סען הרב רובינשטיין ענדיגט זיין פייערליכע רעדע מיט אַ ברכה פון תנ"ך, שטעהט אויף דער מלוכה-פּרעזידענט און דער גאַנצער עולם נאָך איהם.

נאָכדעם האָט דער שטאָט-חזן מיט אַ ספר תורה אין האַנט געמאַכט „מי שברך" פאַר'ן געזונט פון מלוכה-פּרעזידענט און דער כאָר זינגט „הללויה". דערמיט ווערט די פייערליכע תפילה געענדיגט. פּרעזידענט מאָשציצקי דאַנקט עטליכע מאָל הרב רובינשטיין פאַר זיין רעדע, דריקענדיג איהם די האַנד און פערלאָזט די שוהל.

ביים אַרויסגאַנג האָבען די שומרים אויפגעשפּילט דעם פּוילישען הימן און דערנאָך „התקוה".

די גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציע לכבוד דעם מלוכה-פּרעזידענט אין די חנוטאַריש טויער פון דער 400 יעהריגער שטאָט-שוהל האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אין דער גאַנצער שטאָט.

קאָנגרעס פון פּען-קלוב אין וואַרשאַ

מאַרשאַל דאַשינסקי האַלט אַ בעגריסונגס-רעדע. — די סאָוויעטישע שרייבער ווערען איינגעלאַדן אין פּען-קלוב. — שלום אש בעקומט אַנ'אָרדן פון דער פּוילישער רעגירונג

וואַרשאַ, (מעל.)

פרייטאָג איז אין זיצונגס-זאַל פון סיים פאָרגעקומען די פייערליכע עפענונג פונ'ם קאָנגרעס פון פּען-קלוב.

צום קאָנגרעס זענען געקומען די בעדייטענדסטע ליטעראַטען פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, אַמעריקאַ, אַרגענטינע, עסטרייך, בעלגיען, קאַנאַדאַ, כינע, דענעמאַרק, עסטאָניען, פינלאַנד, פראַנקרייך, יוגאָסלאַוויען, לעטלאַנד, נאָרוועגען, רומעניען שוועדען און טשעכאָסלאָוואַקיען.

אין קאָנגרעס בעטייליגען זיך אויך 2 יודישע דעלעגאַציעס. די ערשטע בעשטעהט פון שלום אש, ד"ר שיפּער און ד"ר ווייכערט, זיי רעפּרעזענטירן די יודישע ליטעראַטור. די צווייטע בעשטעהט פון יעקב פיכמאַן און יעקב כהן, וועלכע רעפּרעזענטירן די העברעאישע ליטעראַטור.

געעפענט דעם קאָנגרעס האָט דער פּוילישער ליטעראַט פערדינאַנד געטל דערנאָך האָט ער געגעבען דאָס וואָרט דעם ענגלישען שריפטשטעלער דזשאָן גאָלזוואָרטי, וועלכער האָט אַ קורצע און שעהנע רעדע אין ענגליש. דער צווייטער רעדנער איז געווען דער סיים-מאַרשאַלעק דאַשינסקי, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען.

דער סיים-מאַרשאַלעק האַלט אַ שעהנע און אינהאַלטס רעדע וועגען דער פּוילישער ליטעראַטור, פערגלייכענדיג די ראָמאַנטיש עפּאָכע פון דער פּוילישער ליטעראַטור און די צייטען פון פּוילען'ס קנעכטשאַפט, מיט דער נביאים-עפּאָכע ביים יודישען פאָלק.

אין נאָמען פון דער פּוילישער רעגירונג האָט געגרעסט דער אויסערן-מיניסטער זאַלעסקי.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען ביים פּרעמיער סלאַווע אַ באַנקעט פאַר די דעלעגאַטען פון קאָנגרעס.

ווי מען שמועסט, זאָלען די 3 דעלעגאַטען פון קאָנגרעס, שלום אש דער ענגלישער בערימטער שרייבער גאָלסוואָרטי און דער פראַנצויז זשול ראָמען בעקומען אָרדענס פון דער פּוילישער רעגירונג.

צווייטער טאָג פון קאָנגרעס

אויף דער היינטיגער זיצונג פון קאָנגרעס האָט דער בערימטער דייטשער דיכטער און דראַמאַטורג, ערנסט טאָלער אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג, אַז דער פּען-קלוב זאָל זיך ווענדען צו די ליטעראַטען פון סאָוויעט-רוסלאַנד זיי זאָלען אַריינטרעטען אין פּען-קלוב.

עס איז נישט געווען זיך צוזאַמענצוקומען אויף קאָנגרעסען און איינאָרדנען ראַטען און באַנקעטען. די ליטעראַטור דאַרף אויך האָבען אַנ'אויפגאַבע נישט צו דערלאָזען, אַז עס זאָל זיך איבער'חזר'ן די וועלט-מלחמה און דאָס קאָן געטאָן ווערען דורך די ליטעראַטען, וואָס האָבען אַ גרויסע השפּעה אין זייערע לענדער. פיל קען מיטהעלפען דערין דאָס אַריינציהען די שרייבער פון סאָוויעט-רוסלאַנד.

די דיסקוסיע איבער דעם פאָרשלאַג האָט זיך פערצויגען איינציגע שעה.

צום סוף איז אָנגענומען געוואָרען דער פאָרשלאַג פון פּוילישען פאָרשטעהער ברזעזעל, אַז דער פּען-קלוב זאָל זיך ווענדען צו די ליטעראַטען פון די אַלע לענדער, וואָס געהערען ביז איצט נאָך נישט צום פּען-קלוב אַריינצוטרעטען. ערנסט טאָלער איז בעזונדערס געוואָרען אויפגעפאָדערט אונטערצוהאַנדלען מיט די רוסישע ליטעראַטען וועגען אַריינטרעטען.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט ביים אויסערן מיניסטער זאַלעסקי.

—:0:—

פּאָליציי וועט היטען די וואוינונגען פון די, וואָס פאָהרען אַרויס אויף דאַטשע

ספּעציעלע פעראָרדנונג אויך צו די סטרוזשעס

(ב) די לאָדזשער פּאָליציי-קאָמענדע האָט פעראָרדנעט, אַז די פּאָליציאַנטען זאָלען פערשטאַרקען די השגחה איבער די הייזער אויף דער צייט פון זומער, ווען די איינוואוינער פאָהרען אַרויס פון זייערע דירות.

אויך די סטרוזשעס פון די הייזער האָבען בעקומען אַנ'אויפטראַג ספּעציעל אַכטונג צו געבען אויף די דירות, וואָס זייערע בעזיצער געפינען זיך אויף דאַטשע. זיי דאַרפען אַכטונג געבען, אַז אויף די הויפען זאָלען זיך נישט דרעהען קיין פרעמדע מענשען. פרעמד-אָנגעקומענע מוזען איינגעמאָלדען ווערען אין משך פון 24 שעה.

פון „אוזדראָוויסקאָ"

די קאַנצעלאַריע פון „אוזדראָוויסקאָ" מעלדעט, אַז די איינשרייבונגען אויפ'ן פירטען סעזאָן פאַר מאַנסלייט וועלען פאָרקומען דינסטאָג דעם 24-טען ד. ח. 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג. די קאַנדידאַטען דאַרפען זיך מעלדען צו די איינשרייבונגען מיט פּעסער אין דער קאַנצעלאַריע אויף ציגעל-גאַס 57.

די נאַכט-דיזשורען אין די אַפּטייקען.

מ. לופּיעץ פּעטריקאָווער 198, מ. טוי-ליער פּעטריקאָווער 46, נאַראַשעווסקי קאָנסטאַנטינער 15, בערעלמאַן צעגעל-ניאַנאַ 64, ניעוויאַראָווסקי אַלעקסאַנדער-ראָווסקאַ 87, יאַנקיעלעוויטש אַלטער-מאַרק 9.

Dr. A. Mazur
הסכאַרגיאַ — מעל. 65, 166-01
נעמט אָן פון 2.31.30—10 און 6—4 אָוועגדו

Dr. med. Z. Daiyner
ספּעציאַליסט פאַר נירען-בלאָז און אורין-קראַנקהייטען
Piramowicza 2, tel. 148-95
נעמט אָן פון 9 ביז 10 פריה און 6—8 אָוענד

Dr. L. PIKIELNY
UROLOG
ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירען, בלאָז, אורין-קראַנקהייטען
Nawrot 8. telefon 219-90
נעמט אָן פון 4 — 7

1 דאָלאַר פאַר יעדע לעבעדיגע וואַנץ
וואָס וועט געפונען ווערען נאָך אַ דורכגעפיהרטער דעזינפעקציע מיט'ן פּרעפּאַראַט
„FUMIGATORE-CIMEX"
וועלען מיר צאָהלען איז מזומן.
דער פּרעפּאַראַט „Cimex" איז דאָס ווירקזאַמסטע דעזינפעקציע מיטעל, וואָס טוט אויסראָטען פערשידענע מינים ווערים בעזונדער וואַנצען ווי אויך באַצילען פון פערשידענע געפעהרליכע קראַנקהייטען. דער דאָזיגער פּרעפּאַראַט איז דער איינציגער אָנערקענטער דורך דעם געזונדהייטס-דעפּאַרטאַמענט ביים אינערן-מיניסטעריום אַלס די דעזינפעקציאָנס-מיטעל
Zakłady Chemiczno-Dezynfekcyjne
„SALVATOR", Katowice.
Zastępstwo na wojew. Łódzkie:
Inż. JULJUSZ HAMER i S-ka
6-go Sierpnia 1. Telefon 188-58.
צו בעקומען אין אַלע אַפּטייק-סקלאַדעס און דראָגעריעס

דאס ווירטשאפטליכע און פאליטישע פראגראם פון „צענטראלעוו“

דער „צענטראלעוו“ איז גרייט צו נעמען אויף זיך די פעראנטווארטליכקייט פאר דער מלוכה

שארפע רעזאלוציעס פון צענטראלעוו געגען דער רעגירונג

פרייטאג 1 אזייגער בייטאג איז אין זיצונגס-זאל פון סענאט פארגעקומען די געמיינזאמע פערזאמלונג פון די דעפו-טאטען און סענאטארען, וואס געהערען צו די 6 גרופירונגען, וואס געהען ארייז אין „צענטראלעוו“.

נאך דעם, ווי

רעפ. דעמבסקי האט גע-עפענט די זיצונג

האט דעפוטאט קיערניק רעפערירט דעם פראגעקט פון דער רעזאלוציע, וואס איז פארגעלעגט געווארען דורכ'ן פרעזידיום. נאך דער דיסקוסיע האט רעפ. ניעדזיאל-קאווסקי געשטעלט די רעזאלוציע צו אפ-שטימונג.

אין דער רעזאלוציע ווערט פעסטגע-שטעלט: „די פוילישע רעפובליק גע-פינט זיך אין א זעהר שווערען עקאנא-מישען און פאליטיש - מלוכה'שען קרי-זיס. דער דאזיגער מצב ווערט א כראני-שער און דראהט מיט א קאטאסטראפע. איינס פון די הויפט-סבות פונ'ם ווירט-שאפטליכען קריזיס איז די

קאטאסטראפאלע לאגע פון דער לאנדווירטשאפט

דער שוואכער קויף-קראפט און צאה-לונגס-קראפט פון דארף און די נידעריגע שכירות פון די דארפישע ארבייטער, האבען געברענגט דערצו, אז דער אינער-ליכער מארק זאל קלענער ווערען. דאס

האט געמוזט דערפירן צו א

שטילשטאנד אין האנדעל און אינדוסטריע

און צו א קאטאסטראפאלער ארבייטס-לאזיגקייט. דעם ווירטשאפטליכען קרי-זיס קאן מען נישט אנהענגען בלויז אויף דער אינטערנאציאנאלער קאניונקטור. דער קריזיס האט אויך זיינע אינערליכע אורזאכען, און פיל האט אויך גורם גע-ווען דאס, וואס מיר לעבען אין אונזי-כערהייט און אין

אנ'אונארמאלער פאליטישע לאגע

אין דער מלוכה. דאס איז א קריזיס, וואס גרייכט אונטער אונזער אינערליכען און אויסערליכען קרעדיט. די רעגירונג איז נישט בכוח בעהערשען דעם דאזי-גען קריזיס, ווארום א חוץ א קאנקרעטען און געניגען ארבייטס-פראגראם, וואס עס פעהלט דער רעגירונג, איז אויך נויטיג ארויסצופיהרען א רייה געזעצגעבערישע ארבייטען ארויסגעהענדיג פון דער הנ-חה, אז די פרינציפיעלע רעכטס-ליניען פון דער ווירטשאפטליכער פאליטיק דארף קודם כל האבען די אויפגאבע צו

שטרעבען צו פערבעסערן דעם וואוילשטאנד

פון אלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג. און קודם כל פון די ארבייטענדע מאסען אין שטאט און דארף און דורכדעם צו

פערגרעסערן די קויף-קראפט און לאנד, וואס וועט ווייטער גורם זיין לטובת פון אלע אנדערע שיכטען — האלטען די פעראייניגטע גרופירונגען פאר נויטיג פון איין זייט צו פערלייכטערען די לאסטען פון דער בעפעלקערונג און נעמליך:

1) פערקלענערן די אויסגאבען פון מלוכה - בודזשעט און דורכפיהרען א ראציאנעלע אפשפארונג אין דער מלוכה ווירטשאפט און די זעלבסט - פערוואל-טונגען און אין די פערזיכערונגס אינסטי-טוציעס, ביי א גלייכצייטיגער רעארגאני-זאציע פון דער אדמיניסטראציע.

פערקלענערן די שטייערן-לאסט.

רעפארמירען די שטייערן אזוי, אז זיי זאלען זיין צוגעפאסט צום כוח פון דער צאהלונגס - קראפט פון די בעזונדערע שיכטען. רעפארמירען דעם אומזאץ-שטייער, די וועגנ-פערמעגליכע שטייער-צאהלער בעפרייען פון הכנסה-שטייער און נישט צולאזען קיין ווילקירליכקייטען ביי די שטייער אויסמעסטונגען.

3) צו איילען די אגרער-רעפארם, רע-פארמירען די געזעלשאפטליכע פערזיכע-רונגען.

פערקלענערן די הוצאות פון דער אדמיניסטראציע

איינפיהרען פערזיכערונג אויף דער עלטער פאר ארבייטס-אינוואלידען.

כדי צו מאכען א סוף מיט דער דיס-קוסיע איבער די אויסבעסערונגען פון דער מלוכה-ארדנונג, וואס ווערט מיסגע-ברויכט דורך דעם מלוכה-לאגער, זענען די דערמאנטע גרופירונגען געקומען צו א הסכם איבער א פראיעקט וועגען דער רעוויזיע פון דער קאנסטיטוציע און דעם פראיעקט צו

בעגרעניצען די מאכטפעהיגקייט פון דער הויפט-מאכט

פון דער מלוכה. דאס פארלאמענט בלייבט אויסשליסליך איבער די רעכט ארויסצוגעבען געזעצען און צו

קאנטראלירען די ווירטשאפט פון דער רעגירונג

ער פערזיכערט א פולער הויפטהאפטונג-קייט פון דער אויספיהר-מאכט, ווייל ער זעהט פאר א קאטעגארישער מעהרהייט צו בעזייטיגען די רעגירונגען און שליסט אויס צופעליגקייטען.

די דאזיגע עפרינציפען און דאס

איינפיהרען א קאנסטיטוציע-טריבונאל

זענען די הויפט-יסודות פון אונזער קאנ-סטיטוציע-פראיעקט.

דער סיים איז שטענדיג געווען און איז אויך איצט גרייט מיטצוארבייטען מיט דער רעגירונג, וואס וועט שטעהן אויפ'ן באדען פון געזעץ און פון דער קאנסטיטו-ציע. און א רעגירונג, וואס וויל נישט, אדער קאן נישט שטעהן אויף דעם דא-זיגען באדען מוז, אפטרעטען.

דאס ווירטשאפטליכע לעבען פאדערט די הערשונג פון רעכט, פרידען און ארד-נונג, וואס מיר האבען נישט אין איצטי-גען מאמענט. אין דער ווייטערדיגער רע-זאלוציע שטעלט דער „צענטראלעוו“ פעסט, אז דער פאקטישער בעשטאנד פון יוזעף פילסודסקי'ס דיקטאטור, וועל-כע וויל אנהאלטען די שיינבארקייטען פון פארלאמענטאריזם, א בעשטאנד וואס שטעהט אין סתירה צו זיך אליין, וועט זיך ווייטער נים קענען דערהאלטען אהן א קאטאסטראפע פאר דער מלוכה

דער „צענטראלעוו“ פאדערט דעריבער:

1) די

דעמיסיע פון דער דיקטאטא-רישער רעגירונג

2) שאפען א קאנסטיטוציאנעלע רע-גירונג געשטיצט אויפ'ן צוטרוי פון דער בעפעלקערונג, א רעגירונג, וואס זאל צו-זאמען מיט'ן פארלאמענט אונטערנעה-מען א

קאמף געגען דער ווירטשאפט-ליכער קאטאסטראפע

די רעזאלוציע איז איינשטימיג אנגע-נומען געווארען. צום סוף פון דער רעדע האט רעפ. ניעדזיאלקאווסקי פעסטגע-שטעלט, אז די גרופירונגען, וואס זענען פערזאמעלט אין זאל זענען גרייט אויף זיך צו נעמען די פעראנטווארטליכקייט פאר דער מלוכה, און אז דער דאזיגער געראנק וועט זיין דער לייט-פאדים פון די ארבייטען אויפ'ן קראקאווער קאנ-גרעס.

——=0§0=——

פון לאדזער האנדעלס-געריכט

——=0§0=——

ניי'ע „באנקראטן“

(5) נעכטען איז דערלאנגט געווארען א ביטע וועגען פראלאנגירען די צאה-לונגען פון דער טעקסטיל-אונטערנע-מונגען פון סאמועל סערעיסקי און שותפים אויף גדאנסקא 93. ווי די פירמע אליין בעהויפטעט, האט איהר מאטעריעלע לאגע אנגענומען א קא-טאסטראפאלע פארם צוליב דער פאטא-לער קאניוקטור פון די אפנעהמער. די פירמע איז צוליב'ן קריזיס געצוואונגען געווארען אויסצוקויפען פראטעסטירטע וועקסלען פאר 100,000 זל. נישט ווי-לענדיג דערלאזען זיין אונטערנעמונג צו אונטערגאנג, האט דער בעזיצער פון דער פירמע, ה' סערעיסקי געמוזט איינ-ציהען א לאנג-טערמיניגע היפאטעק-הלואה אויף זיין הויז אין דער הויך פון 110 טויזענד זל.

דעם 1. יוני ד. י. האט דער בילאנס פון דער פירמע זיך געשלאסען מיט דער סומע פון 399,745 זל. דער מזומן געלד, די סחורה און רויה-מאטעריאלען זענען ווערט מיט 99,000 זל. מעהר ווי עס בעטרעפען די פערפליכטונגען פון דער פירמע.

די 2 הייזער און די מאשינען פון דער פירמע זענען אפגעשאצט אויף 536,900 זל. אויף דער זייט פון די אק-טיוועו, אויף דער זייט פון די פאסי-ווען פיגורירט אלס חובות אויף די היי-זער א סומע פון 292,950 זל. אזוי, אז פאקטיש בעטרעפט דער בילאנס פון דער פירמע 1 מיליאן זל. און דער אי-בערוויכט פון די אקטיוון איבער די פאסיוון — 342,000 זל. די וועקסעל-אבליגא בעטרעפט 350,000 זל.

* * *

מיט עטליכע טעג צוריק האבען מיר מיטגעטיילט, אז עס איז ערקלערט גע-רען אן אנאוספאדלאשטש אויף דער שא-קאלאד-פאבריק פון ק. גורינאוויטש (פאלודניאווא 6). די געפאלענע האבען ארייננגעטראגען אנ'אפאזיציע געגען דעם בעשלוס פון האנדעלס-געריכט. די אפא-זיציע איז אפגעווארפען געווארען.

* * *

עס א'יז בעשטימט געווארען א „נאד-זאר“ דער פירמע „זינדערמאן און שותפים“, מאנופאקטור - געשעפט אויף ראקאטשינער 9.

דער בילאנס פון דער פירמע בע-טרעפט נאכ'ן קארעגירען 1 מיליאן 59,047 זל. און די אקטיוון און אין די פאסי-ווען מיט 93,376 זל. ווענינער.

אויפזעהער זענען אדוו. ווילאנאווי-סקי און סט. גיידזשינסקי, ריכטער-קא-מיסאר ראשאק.

——:0:——

שכור'ער אוואנטוריסט האקט אויס די שויבען און צושניידט זיך די אדערן

(§) דער 27-יעהריגער מיעטשיסלאוו מאטווין איז נעכטען אהיימגעקומען צו זיך אויף זאקאנטנא 82 און האט שכור'ערהייט אגגעהויבען מאכען אוואנ-טורעס זיינע שטוב-מענשען, אז מען האט איהם געדראהט ארויסצווארפען, איז מאטווין משוגע ווילד געווארען, האט אויסגעהאקט די שויבען פון די פענסטער און דערביי זיך איבערגע-שניטען די אדערן פון די הענד. זיין לאגע איז א שווערע.

ליקווידאציע פון אלקאהאל-קאנצעסיעס

אפגעלעגט אויף א האלב יאהר

(§) דער פרעזעס פון דער לאדזער פינאנץ-קאמער האט נעכטען דערהאל-טען פון מיניסטעריום א צירקולאר וואס רעגולירט די פראגע וועגען פרא-לאנגירען דעם קאנצעסיע - בעזיץ פאר אלקאהאל קאנצעסיאנערן. אלע קאנ-צעסיעס ווערען פראלאנגירט אויף א האלב יאהר, א חוץ פאר די, וואס האבען עובר געווען אויף די פאר-שריפטען וועגען שפריט-מאנאפאל.

ניי'ע קרעדיטען

פאר קליין אינדוסטריע און האנדווערק

(וו) באנק גאספאדארסטווא קראיא-אעגא טרעט ווידער צו ארויסגעבען קרעדיט פאר'ן קליינעם האנדווערק און קליין-אינדוסטריע. די קאמונאלע שפאר-קאסע פון בזשעזשין בעקומט 60.000 זל., פון לאסק — 20.000 זל., פון לאדזער פאוויאט — 60.000 זל., פון פיעטרקאווער פאוויאט — 50,000 זל., פון ראדאמסק — 24.000 זל., פון קאליש — 75.000 זל., פון פאביאניץ — 75.000 זל., פון טאמאשאוו — 25.000 זל., פון טושין — 10.000 זל.

היינט וואהלען

אין זדונסקא-וואליא

היינט קומען פאר שטאט-ראט-וואה-לען אין זדונסקא - וואליא. עס זענען פערהאן 15 ליסטעס.

טראגעדיע פון א פראנצויזיש-יודישען מלוכה-מאן

צום טויט פון געוו. מיניסטער קלאץ

פארגאנגען זונטאג איז פון א הארצ-שלאג געשטארבען אין פאריז דער געוו. סענאטאר און פינאנץ-מיניסטער קלאץ.

צו דער גרויסער דראמע, וואס קלאץ האט איבערגעלעבט, בעת זיין בעקאנטען פראצעס, ווען ער האט מיטאמאל פער-לוירען זיין גרויסע פאליטישע קאריערע און איז געווארען פון א אנגעזעהענעם פאליטיקער א איינפאכער בשר ודם, א בעשולדיגטער אין שווינדעל און פעלשונ-גען — איז לעצטענס צוגעקומען א פא-מיליען דראמע.

קלאץ האט נאך זיין בעפרייאונג פון דער תפיסה געלעבט און זיין דירה צו-זאמען מיט זיין פאמיליע. מיט א פאר יאהרען צוריק האט ער ענטגילטיג גע-מוזט זיך שיידען מיט די מענשען, וואס זיינען איהם געווען נאהענט און ער האט איבערגעריסען מיט זיין גאנצער פערגאנ-גענהייט. ער איז ארייבער וואוינען אין א מעבלירטען צימער צוזאמען מיט זיין טרייען דינער, און דארט, איינזאם צווי-שען פרעמדע מענשען און אין א פרעמ-דער סביבה האט ער פערבראכט די לעצ-טע שעה'ן פון זיין לעבען... דער מענש, וועלכער איז 6 מאל געווען פינאנץ-מי-ניסטער פון פראנקרייך, וועמענס נא-מען עס שטעהט אונטערגעשריבען אונ-טער דעם וועלטאלער שלום-אפמאך, האט געלעבט אין א מעהר ווי בעשיידע-נער סביבה. דאס איז שוין אבער נישט געווען דער אמאליגער קלאץ. דאס איז געווען אנ'אלטער, אויסגעמאטערטער מענש, פערלאזען פון זיינע פריינד, פון זיינע נאהענטע. ער פלעגט זעלטען ארוים געהן — בלויז צו זוכען ארבייט, אדער צו בעזוכען עמיצען.

— זיין איינציגע זארג איז געווען, דאס איבערגעגעבען איינע פון זיינע קרובים, נישט צו בעלעסטיגען זיין פא-מיליע, נישט צו ווארטען אויף זייער שטיצע. אבער וואס פאר א'ן ארבייט האט ער געקאנט בעקומען? קיינער האט נישט געוואלט הערען פון איהם. ער האט לעצטענס געפרובט פערקויפען זיינע זכרונות. ער האט געוואלט שרייבען עקאנאמישע ארטיקלען. אבער קיין צייטונג האט נישט געקאנט אנגעמען ארטיקלען מיט זיין אונטערשריפט און ענדליך האט ער, נישט קוקענדיג אויף זיין עלטער, גענומען פאהרען אין די קא-לאניעס, און אויפטראג פון א געוויסער באנק. דער סוף איז אבער געקומען פלוצלונג און האט איבערגעריסען אלע זיינע פלענער.

זיין טויט איז פארגעקומען ביי פאל-גענדע אומשטענדען:

קלאץ האט זיך שוין זייט א לענגע-רער צייט געפיהלט שלעכט, לויטענדיג פון הארץ-אטאקעס. זונטאג פריה האט ער, ווי געוועהנליך אויפגענומען זיין קואפער, אבער פלוצלונג איז איהם גע-ווארען שלעכט. זיין דינער האט איהם אוועקגעלעגט אויפ'ן בעט. קלאץ האט שמוצלערהייט געזאגט צו זיין דינער:

— „ס'איז נישט וואזשנע... איך גלויב, אז דאס איז דער סוף“...

א דאקטאר איז באלד אנגעקומען און האט פעסטגעשטעלט אז קלאץ איז טויט — פון א הארץ-שלאג.

קלאץ איז געבוירען אין פאריז דעם 11 יאנואר 1868, אין זא רייכער, אריס-טאקראטישער יודיש פראנצויזישער מש פחה. ער האט בעקומען א גלענצענדע בילדונג און האט זיך פון דער יוגענד אן גענומען אלס אידעאל דעם בעקאנטען ענגלישען מלוכה מאן דיזראעלי. איהם איז געגאנגען זעהר לייכט אין זיין קאר-יערע. ער האט אנגעהויבען אלס זשור-נאליסט, אלס אדוואקאט און איז באלד אריין אין דער פאליטיק, ווערענדיג אוים געוועהלט אלס דעפוטאט.

אין 1910 ווערט ער צום ערשטען מאל פינאנץ-מיניסטער אין בריאנ'ס קאבי-נעט. ער טרעט אפ דעם פאסטען קאיאו, אבער באלד ווערט ער ווידער פינאנץ-מיניסטער, שפעטער אויך אינערן מיניס-טער און געפינט זיך, אלס אנגעזעהענע-סטער מיטגליד פון דער רעגירונג, אין קלעמאנסאָ'ס קאבינעט, בעת'ן ווערסאַ-לער קאנגרעס. אויך נאכ'ן קריג האט ער געשפילט אין דער פינאנץ-פאליטיק פון פראנקרייך א גרויסע ראלע, ביז... עס איז געקומען דער גרויסער סקאנדאל מיט זיינע שווינדלערייען. דעם 11 דע-צעמבער 1928 גיט ער זיך אן אין דע-מיסיע פון אלע זיינע פאסטענס און אינ-גיכען ווערט ער ארעסטירט.

זיין פראצעס איז אלעמען בעקאנט. שטאמענדיג פון א בעקאנטער יודיש פראנצויזישער משפחה האט זיך אבער קלאץ קיינמאל נישט בעשעפטיגט מיט יודישע ענינים.

נאכ'ן אויספיהרען די טויט-שטראף איבער די דריי אראבער

ווער זענען געווען די דריי הינגעריכטעטע אראבער?

ירושלים, (יט"א)

די אראבישע צייטונג „על כרמל“ פאָ-דערט אויף די אראבישע עקזעקוטיווע צו פראקלאמירען א 40-טעגיגען טרויער נאך די דריי אראבער, וואס זענען היי-פיגען דינסטאג הינגעריכטעט געווארען אין דער עכו'ער צוטאדעל. אין משך פון די טרויער-טעג זאלען אלע אראבער אין פאלעסטינא טראגען טרויער-בענדער און דער טאג פון דער עקזעקוציע זאל פרא-קלאמירט ווערען אויף דורות אלס נא-ציאנאלער טרויער-טאג.

„מעראט על שארק“, וואס איז צו-מארגענס נאך דער עקזעקוציע ערשינען מיט שווארצע זייטען-ראהמען, שרייבט, אז די הינריכטונג פון דריי אראבער איז איינער פון די רעזולטאטען פון דער באלפור-דעקלאראציע. פאדערענדיג צו פראקלאמירען די געהאנגענע אלס „קדושים“, שרייבט די צייטונג: „די תליה איז דער ערשטער בוים פון דער אראבישער אונאפהענגיגקייט“.

אין טאג פון דער עקזעקוציע איז אין דער הויפט-שטאט פון עבר-הירדן אמאן פארגעקומען א אלגעמיינער שטרייק. די נאציאנאליסטען האבען איבערגעשיקט מעמאריאלען דעם עמיר אבדולא און דעם בריטישען פרעזידענט אין עבר-הירדן.

בעת דער אראבער-דעמאנסטראציע אין יפו איז לייכט פערוואונדעט געווא-רען דער פאליציי אינטענדאנט פון תל-אביב ה' סקאט.

* * *

ירושלים, (יט"א)

די דריי הינגעריכטעטע אראבער זיי-נען געווען: דער חברון'ער אטא אלמעד על זעער, א טרעגער, וועלכער איז געווען פער'משפט פאר ערמארדען הרב קאס-טעל און זיין משפחה, דער חברונ'ער פוהרמאן מאכמעד קאליל אבו דזשאמ-דזשום, וועלכער איז פער'משפט געווא-רען פאר ערמארדען די משפחה פון אבו-שדיד, און דער צפת'ר אראבער פואד האסאן העדזשאזי, וועלכער איז פער'משפט געווארען פאר ערמארדען דעם לעהרער פון דער „מזרחי“-שול אפריאט און זיין פאמיליע. כדי צו רא-טעווען דעם לעצטען, האט די אראבישע עקזעקוטיווע געמאכט די גרעסטע בע-מיהונגען פואד העדזשאזי איז געווען א רעגירונגס-בעאמטער, ער האט גע-ארבייט אין געזונדהייטס - דעפארטא-מענט. העדזשאזי האט געשטאמט פון א פראמינענטער אראבישער משפחה אין צפת. דאס איז געווען איינער פון די גרויזאמסטע מערדער בעת די אוי-גוסט - געשעהענישען: אפריאט, וועל-כען העדזשאזי האט ערמארדעט, איז געווען זיין פראנצויזישער לעהרער. אפ-ריאט'ס טאכטער, וואס איז דורך דעם זעלבען העדזשאזי שווער פערוואונדעט געווארען, האט איהם דערקענט אלס דער מערדער פון איהר פאטער און מוטער בעת זי איז געלעגען אין דעם זעלבען שפיטאל, אין וועלכען העדזשאזי איז גע-ווען איינער פון די סאניטארען.

——=0§0=——

לאדזער טאגעבלאט

ד ר ע ד א ק ט א ר נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אוונט.
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: רעדאקציע 100-57, אדמיניסטראציע 100-47

וועגען בריאנ'ס „פאן-אייראפא"

ווען א וואלפיש וואלט אמאל פארגעלעגט די קליינע פישעלעך צו פעראייניגען זיך, וואלטען די דאזיגע איבערגעשראקענע בעשעפענישען, ווי שטום זיי זאלען נישט זיין, דאך פארערן א שטיקעל צייט אויף ישוב הדעת שוין די שרעק אליין וואלט פון זיי אויסגעקוועטשט די פאר ווערטער. די שרעק אליין און די ערפאהרונג פון דורות. אזוי איז עס שוין שטענדיג געוועזען וויפיל מאל דער וואלף האט פארגעלעגט דעם שעפעלע א בעראיינונג, גלייכהייט, איז געקומען דערצו, אז פון דעם שעפסענפלייש איז געווארען — וואלפיש פלייש. און דעריבער בעציהען זיך די קליינע פישעלעך און די שוואכערע חיות זעהר פארזיכטיג צו אזא פריינדס-פארשלאג פון א וואלפיש, אדער פון א וואלף.

בריאן איז שוין באלד א בן שבעים. ער איז זאט מיט רוהם און ערפאלג. און אזוי ווי ער איז בלי ספק א מענש פון א הויכען הומאנישען און פאציפיסטישען גייסט, וואלט ער זעהר שטארק געוואלט קרוינען זיין ארבייט מיט עפעס א גוטען עניין, אז עס זאל בלייבען לדורות. ער וואלט זעהר געוואלט אריינגעהן אין דער געשיכטע מיט א צונאמען פון א רודף-שלום און פעראייניגער פון פעלקער. ער האט דעריבער אנגענומען דעם שעהנעם לאזונג פון „פאנאייראפע" און איז געווארען איהר רמעלטיגער פראפאגאטאר. פריוואטע מענשען קאנען אבער דעם דאזיגען אידעאל שאפען א שוואכע רע, אדער שטארקערע פערזענליכקייט. אבער אויסערן-מיניסטער פון א שטארקער מלוכה, גיט איהם אבער באלד עפעס ממשות'דיגעס און רעאלעס.

בריאן האט איינגעלאדען 26 מלוכות, אז זיי זאלען ביז דעם 15 יולי אפגעבען אן ערקלערונג וועגען זייער שטעלונג צו „פאנאייראפע". בריאן, ווייזט אויס, ווייס, ווי מעכטיג ער איז, און אז קיין שום מלוכה וועט איהם נישט אפזאגען זיך אנצושליסען אין דער פעראייניגטער אייראפע, נאטירליך אהן רוסלאנד, וועלכע וועט זיך געפינען „מחוץ למחנה", און אויסער ענגלאנד, וואס איז אליין א „מענש" פאר זיך. א חוץ די דאזיגע 2 ענקים וועט גאנץ אייראפע זיין פעראייניגט אונטער — עס וואלט זיך זעהר גערן געוואלט זאגען: אונטער די „פליגעל" פון פראנקרייך.

דאס איז ווירקליך א שעהנער חלום, אז וועגען א הויכען אידעאל, און וועגען מאכט און בריאן קאן זיך ערלויבען אויף אזא דרייסטען און ערהאבענעם חלום. פראנקרייך האט שוין איצט כמעט די העגעמאניע איבער אייראפע. רוסלאנד איז איזאלירט, ענגלאנד האט אירע אייגענע צרות און דערצו נאך ווערט זי רעגירט דורך א מינדערהייט. ווארום מאקדאנאלד'ס רעגירונג לעבט דאך נאר פון חסד אדער און חסד פון די ה"ה לאיד דזשארדזש און באלדווין, וועלכע ווארפען איהם נישט אראפ בלויז דערפאר, וואס זיי האבען א הנאה פון זיינע יסורים. זיי בעגעהן זיך מיט איהם, ווי מעפיסטא מיט דעם בעל עבירה'ניק: ער מאכט איהם זינדיגען און פרעהט זיך מיט זיינע יסורים". לאיד דזשארדזש און באלדווין טראכטען זיך אזוי: אדרבה! זאל די סאציאליסטישע רעגירונג אויסשיסען הינדערטער הינדרוסען, פאר דעם גרויסען חטא — וואס זיי מאכען זיך זאליג פון — ים-וואסער. די קאמפראמיטאציע פון די סאציאליסטען איז שטענדיג א זעהר אנגענעהמע געשעהעניש...

אהן רוסלאנד און ענגלאנד איז נישטא קיין העגעמאניע אויף דער וועלט אויסער פראנקרייך. אפילו דאס איטאליען פון בעניטא מוסאליני וועט נישט קאנען קאנקורירען מיט דער דאזיגער מיליטערישער און ווירטשאפטליכער מאכט. ווען אויף אזא אדער אן אנדער אופן וועט מען איבערגעהן פון ווערטער צו מעשים, וועט פראנקרייך שטענדיג זיין פון אויבען. דאס מיליטערישע פראנקרייך קאן היינט קיינער נישט דערוואגען — סטרען דייטשלאנד, ערער דאס וועט ערשט זיין „מארגען" און נים „היינט". און דאס ווירטשאפטליכע פראנקרייך מיט איהרס בעציהלער אינדוסטריע — אוודאי נישט. און אזא אויסערגעוועהנליכע פאזיציע געפינט זיך היינט פראנקרייך.

דאס וואס נאפאלעאן האט געחלומ'ט, איז היינט פערווירקליכט געווארען. און פאר וואס זשע זאל פראנקרייך נישט שטרעבען צו „פאנאייראפע?" עס וועט זיך דאך ענדיגען בלויז מאקע דעריויף, אז פראנקרייך וועט ווערען דער „פאן" פון אייראפע. אמת, דאס וועט זיין א זעהר מילדער, זעהר עלעגאנטער און דיסקרעטער „פאן", אבער פארט א „פאן". נישט גלייכע מיט גלייכע נאר א העגעמאניע פון איינעם איבער אלע אנדערע.

און דערין שטעקט א גרויסע סכנה. די געשיכטע לערנט אונז, אז עס איז נישטא קיין שארפערער און פערביסענער קאמף, ווי דער קאמף פאר דער העגעמאניע. היינט איז די פאקטישע הארינטע פון „פאנאייראפע" פראנקרייך, אבער דייטשלאנד וועט אויך דערצו שטרעבען מיט דער גאנצער ענטשלאסענהייט ווארום זי האט אלע מעגליכקייטען דערצו, און מארגען צו איבערנעמען וועט מען דאס פרייע און דעמאקראטישע רוסלאנד ווארום זי וועט זיך ד ארסוף כל סוף ארויסרייסען פון דער היינטיגער קנעכטשאפט. מיט איין ווארט, מ'קען שוין היינט זעהען מיט'ן אויג דאס געיעג, וואס עס וועט זיך אנהויבען אינ'ם „גן עדן" פון „פאנאייראפע".

און דעם דאזיגען גן עדן ווילען טיס תמא זיין אזעלכע מלוכות, וועלכע וועלען שוין נישט האבען קיין פרייהייט און קיין מעגליכקייט פון אינערליכער ענטוויקלונג זיי ווילען קומען צו דער מדרגה פון וואסאלען, און צווישען אייגלייכע איז נישטא קיין גלייכגעוויכט, פרידען און איין ארגאניזם, און קיין ארגאניזם קאן נישט זיין קיין קינסטליכע בעשעפעניש פון א בלויזער ווירטשאפטליכער פעראיינונג.

א געמיינשאפטליכער מלוכה ארגאניזם, ווי עס זענען די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא — איז א מענשליכער און א רוכליגער אידעאל. דא געהט דאך אבער נישט וועגען אזא ארגאניזם. דא געהט דאך נישט וועגען די פעראייניגטע שטאטען פון אייראפע. מען חלומ'ט דאך נאר בלויז וועגען עפעס א צאל-אוניע, אדער וועגען עפעס אן אויסגעבייטערטע „מיטעל אייראפע", און אזא קאנצעפציע איז געפערליך.

ס'קאן ווער זאגען: דאס איז דאך א פאציפיסטישער פאקט. די מלוכות דערנעהנטערען זיך דאך אזוי ארום? אבער דאס איז נישט אמת. ווארום קיין שום „פאן" וועט נישט דערפיהרען צום פרידען, ווייל ער רופט נאר ארויס אנדערע „פאנעס", און די געפאהר פון צוזאמענשטויס איז דאן גרעסער, ווייל די „קוילען", מיט וועלכע מען שפילט און אזא מאמענט זענען זעהר גרויס.

עס דארפען נישט געשאפען ווערען קיין קאנקורענץ-אימפעריעס צו דער פעלקער-ליגע. און דער דאזיגער אינטימיטעט איז ווירקליך פערהאן א גאראנטירטע גלייכהייט. דער פעלקער-בונד קאן ווירקליך ווערען די פעסטונג פון אייביגען שלום. מען דארף זי נאר אויסרוכטיג קרעפטיגען און פונאנדערבויען.

אט דאס דארף זיין דער ציל פון די בעסטע זוהן פון די פעלקער.

מיר שיינט, אז נאך דעם, וואס עס איז דא געזאגט געווארען, דארף מען שוין נישט בעזונדער בעטאנען און ערקלעהרען, אז די בעווארענישען, וואס זאלען אפשר האט געמאכט און זיין קראקאווער רעדע בנוגע בריאנ'ס אימפעריע, זענען פילקאם בעגרינדעט, הגם נישט אלץ האט ער ארויסגעזאגט, און נישט אלץ האט ער געקענט זאגען.

ד"ר י. טהאָן.

נאך דער אויסווייזונג פון מאיאר פאבסט אין ווין

ווין, (יט"א)

מען ערווארטעט דא, אז די אויסווייזונג פון מאיאר פאבסט, וועלכער האט אין דער וועלט ארויסגערופען אזוי פיל אויפזעהן. וועט האבען אלס רעזולטאט די אפשוואכונג פון די אנטיסעמיטישע טענדענצען אין דער עסטרייכישער „היימווער". מאיאר פאבסט האט זיך שטענדיג איינגעשטעלט פאר דער צוזאמענארבייט צווישען דער „היימווער" און די אנטיסעמיטישע פערבאנדען אין דייטשלאנד.

אלס קוריאז דארף דערציילט ווערען, אז פאבסט איז אין דער יוגענד ערצויגען געווארען אין א יודישער פאמיליע אין בערלין.

א פילם-לעקציע וועגען ד"ר טעאדאר הערצל

דאס הויפט-דירעקטאריום פון קרן-קימת-לישראל האט איצט ארויסגעלאזען א צויבער-לאמפ-פילם וועגען לעבען און שאפען פון ד"ר טעאדאר הערצל. דאס איז דער 12-טער נומער פון א סעריע אילוסטרירטע ליכט-לעקציעס וועגען ציוניזם און דעם נייעם ארץ ישראל. די לעקציע צוזאמען מיט דעם פילם קען מען בעקומען ואין אלע קרן-קימת אפטיילונגען. צום פילם איז בייגעלעגט א טעקסט, וועלכען מען קען בעקומען און וועלכער עס איז פון די אמראפעאישע הויפט-שפראכען. די דאזיגע פילם-לעקציע איז ארויסגעגעבען און צוזאמענהאנג מיט די פארשטעהענדע פייערונגען לכבוד דעם יאהרצייט פון ד"ר טעאדאר הערצל. דער פרייז פון פילם צוזאמען מיט'ן טעקסט איז 2 שילינג 6 פענס.

מאקס ליבערמאן
ווידער געוועהלט אלס פרעזידענט פון פרייסישער קונסט-אקאדעמיע.

פראג. ד"ר מאקס ליבערמאן איז ווידער געוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון דער פרייסישער קונסט-אקאדעמיע. דער סטאטוט פון דער אקאדעמיע, וואס זעהט פאר, אז די זעלבע פערזאן קען נישט צוויי מאל געוועהלט ווערען אויפ'ן אמט פון אקאדעמיע-פרעזידענט, איז ספעציעל געענדערט געווארען פאר דער פערזאן פון מאקס ליבערמאן, אזוי אז ער קען פערנעהמען דעם דאזיגען אמט זייט א לענגערער רייה יאהרען. אויפ'ן סמך פון די לעצטע וואהלען וועט מאקס ליבערמאן בלייבען פרעזידענט פון דער קונסט-אקאדעמיע ביז סוף סעפטעמבער 1931.

פער'משפט א יונגע קאמוניסטין

ירושלים, (יט"א)

דאס 15-יעהריגע יודישע מיידעל פנינה לערמאן איז געשטעלט געווארען פאר'ן הויכען געריכט אלס בעשולדיגטע אין געהערען צו אן אונלעגאלער געזעלשאפט און פערשפרייטען אין דעם לעהרער-סעמינאר פון „מזרחי" א קאמוניסטישע פראקלאמאציע א. נ. „דער מופטי און מתתיהו". געמענדיג אין אכט, אז לערמאן איז שוין 3 מאנאטען געזעסען אין תפיסה, האט דאס געריכט זי פער'משפט אויף איינצאהלען א קויציע פון 20 פונט אלס גאראנטיע פון גוט-אויפפיהרען זיך אין משך פון 2 יאהר.

דער עיקר אין איצטיגען מאמענט

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט") — פון מ. מ. אוסישקין (ירושלים)

5. דאס פאלק קען — ווען ס'וויל

וואס אנבעלאנגט די מיטלען פון יודישען נאציאנאל-פאנד, איז נאכדעם, אז אונזער פאלק האט אנגעהויבען צו פיהלען די סכנה פאר אונזערע האפנונגען זאמלענם די אלע כחות, וועלכע האבען זיך איצט פעראייניגט נעגען אונז, גלויב איך אז ער וועט רוהיג פערשטעהן דעם מצב און וועט אויפציטערען, און דאן וועט ער שוין געפינען דעם וועג ווי אזוי צו אויפהויבען דעם פרעסטיזש פון דעם איניציגען אינסטיטוט, וועלכער קען ראטעווען די סיטואציע — דעם יודישען נאציאנאל פאנד.

די מעגליכקייטען פונ'ם יודישען פאלק האבען נאר קיין גרעניץ, ווען נור ס'וועט פאקטיש העלפען אויסלייזען ארץ-ישראל דורך די ב יודישען נאציאנאלען פאנד. ווען דאס יודישע פאלק האט בעוויזען צו פערגרעסערען די הכנסות פונ'ם יודישען נאציאנאלען פונד פון איינינגע טויזענדער פונטען פאר דער וועלט מלחמה, און פון 70.000 פונט באלד נאך איהר ביז 300,000 פונט אין דער לעצטער צייט, טא ווארום זאל עס נישט קענען פערפירפאכען און נאך מעהר פערגרעסערען די זעלבע הכנסות, הן דורך די פרוטות פון די מאסען, און הן דורך גרויסע בעשטייערונגען, אדער הלואות פון פערמעגליכע און וועלכע ס'קלאפט א פיהלענדער יודיש הארץ! דאס יודישע פאלק פערמאגט די קרעפטען און פינאנצען, און דאס יודישע הארץ איז נאך נישט פערשטיינערט געווארען.

אט דער שטאנדפונקט האט, ווי ס'שיינט, זיך געפינגען א וועג צו די הערצער פון די אלע, וועלכע זענען זיך צוזאמענגעקומען אין לאנדאן.

די בעשלוסען אין לאנדאן צו געבען דעם יודישען נאציאנאל פאנד די מעגליכקייט צו אנפיהרען זיין ארבייט און פועל גרעסערען מאסשטאב, אנהויבענדיג מיט אמעריקא וואוהין איך האף צו פאהרען קומענדיגען הערבסט, און די פערפליכטונגען זייטענס אלע פערזאמעלטע, און לאנדאן, צו העלפען אין זייער ארבייט אויך אין אייראפע, אין דער פארם פון קריגען גרויסע בעשטייערונגען און הלואות — דאס אלץ איז דער בעסטער בעוויז דערויף, אז ס'איז פארגעקומען א גרויסע ענדערונג אין דער בעציהונג פון די בוני ציון צו דער באדען פראגע אונ'ם איצטיגען מאמענט.

און צו ענדיגע אט א פאר ווערטער איבער נאך א זעהר וויכטיגע זאך — דאס גאלדענע באלפור בוך.

מיר יודען, וועלכע זענען אזוי ארום און פריינד צווישען די אומות העולם, דארפען אין דער גאר גרעסטער בולטער פארם אויסדריקען פאר דער גאנצער וועלט אונזער בעציהונג צו לארד באלפור נישט בלויז דערפאר וואס ער האט אונטערגעשריבען די דעקלאראציע, וועלכע טראגט זיין נאמען — אזא דאקומענט וואלט געוועהן געקענט אונטערשרייבען פוליטיש אויך א אנדערער. מינוסטער — זאנדערען פאר זיין בעציהונג צו דער זעלבער דעקלאראציע.

אט דער גרויסער און בריטער הארציגער פאליטיקער האט וועגען אונזער צוקונפט געדענקט דוקא אונ'ם גייסט פון די „עקסטרעמע" ציוניסטען.

מיר דארפען אלזא אונזער בעציהונג צו איהם אויסדריקען דורך א אייביגען פאלקס אנדענקען אין ארץ ישראל.

ווי אזוי? מיר האבען די גאלדענע ביכער פונ'ם יודישען נאציאנאל פאנד, וועלכע דארפען אונז אין מאדערנער פארם דערמאנען די ביכער עזרא און נחמיה, און וועלכע ס'זענען אויך איינגעשריבען געווארען די לייט פון יענער עפאכע, וועלכע האבען געהאלפען בויען דעם צווייטען בית המקדש. און מיר דארפען האבען אזא בוך, וואס זאל זיין געווידמעט פונ'ם בעפרייאונגס סימבאל צווישען די פעלקער.

אין דאזיגען בוך, וואס וועט ענטהאלטען 5,000 איינשרייבונגען, דארפען זיך איינשרייבען אלע יודישע קהלות הכרות, אינסטיטוציעס און פערמעגליכע אויף גאר דער וועלט. אט דאס בוך וועט בעוואהרט ווערען אין דער הויפט ביבליא פון יודישען נאציאנאל פאנד צו באלפור'ס אנדענקען אינ'ם יודישען פאלק, און א קאפיע פון דעם בוך זאל בעוואהרט ווערען אינ'ם בריטישען מוזעאום, און לאנדאן, צו באלפור'ס אנדענקען אונ'ם ענגלישען פאלק און פאר אלע פעלקער. דאס איז די גייסטיגע זייט פונ'ם בוך.

די פראקטישע זייט איז א גאנץ פשוטע. וועלען מיר די אקציע דורכפיהרען וועלען מיר (פאר די איינשרייבונגען) בעקומען וועניגסטענס 100.000 פונט, און מיט די געלדער וועלען מיר באלפור'ען שטעלען א אייביגע מצבה אין פארם פון א וויכטיגע קאלאניזאציאנס-אקציע אינ'ם צענטער פון אונזער אומה — אין ארץ-ישראל.

איך גלויב אינ'ם יודישען פאלק און אין זיין פערשטאנד, און איך בין זיכער, אז מיר וועלען די סומע זאמלען גאר שנעל.

די קאלאניזאציאנס אקציע וועט זיין פערבונדען אינ'ם נאציאנאלען בארען, און איך גלויב, אז ווען אונז וועט געלינגען פאלשטענדיג צו פערווירקליכען דיזע אקציע, וועלען מיר אויפבויען אזא גרויסע זאך אין ארץ-ישראל, וואס וועט זיין א כבוד פאר דער גאנצער יודישער נאציאן אין דער גאנצער וועלט. און מיר וועלען דעמאלט בעוויזען, אז מיר פערשטעהען און קענען שעצען אונזערע פריינד, צווישען די אומות העולם, ווי זיי פערדינען עס.

אויפגעכאפטע נאטיצען
יודען-פאליטיק

— אין וואשינגטאנער קאנגרעס (פארלאמענט) איז פארגעקומען א קורצע יודישע דעבאטע.

איין דעפוטאט האט אנגעוויזען, אז יודישע יונגעלייט ווערען פאיקאטירט אין אויסערן-מיניסטעריום בעים בעשטימען אויף פאסטענס אין די אמעריקאנער קאנסולאטען. בעים קאנקורס פאדערן זיך צוויי עקזאמענס: א שריפטליכע און א מינדליכע. אין דעם שריפטליכען עקזאמען האלטען אויס די יודען אויסגעצייכענט, ווי עס קומט אבער צום מינדליכען עקזאמען, געפעלט שוין נישט דער יודישער נאז און באקסטע!

דער פאקט איז, אז קיין יודישע בעאמטע זענען אין די קאנסולאטען נישטא.

האט א צווייטער דעפוטאט איהם אפגעשלאגען: עס איז כזב ושקר. נישטא בעים קאנקורס קיין שום משוא פנים, עס איז בלויז א פראגע פון קוואליפיקאציע.

מיר דא זענען שוין געווינט זאט פון אזעלכע שקלא וטריא'ס און עס איז פאר אונז א קנאפער טרייסט, וואס אמעריקע איז שוין אויך אנגעשטעקט דערמיט.

נאר דערביי איז פארהאן א לאראקטעריסטישער קוריאז: די פערטיידיגונג פאר יודען האט אונטערגענומען דער איטאליענישער דעפוטאט פיארעלא און אפגעשלאגען איהם האט דער יודישער דעפוטאט פון ניו-יארק שלמה בלום.

דאס איז שוין עכט-אמעריקאניש.

• • •

און נאך א מעשה'לע בנוסח אמעריקע:

נישט ווייט פון דעריזאלעם ווא שינגטאן, וואו עס איז פארגעקומען דער ויכוח, איז פארהאן א שטעטעלע קעפיטאל האיטס, פערמאגט זי אנ'ערך 3500 פאמיליעס, פון זיי בלויז זעקס פאמיליעס יודישע.

האט מען אין יענעם שטעטעלע די מען אויסגעקליבען פאר א מעיאר (פרעזידענט) דוקא א יודען, און נאך וואס פאר א יודען! אנ'עמיגראנט מיט'ן נאמען זעליג פאזין.

און דאס אינטערעסאנטסטע איז אויך דא, וואס דער יודישער קאנדידאט האט געהאט כמעט אלע שטימען, בלויז די 6 יודישע משפחות האבען געשטימט נעגען איהם...

• • •

דערקלערט מען בעידע קוריאזען דערמיט, וואס דער יודישער דעפוטאט בלום האט נישט געוואלט, די וועלט זאל זאגען וועגען דער דיסקרימינאציע פון יודען ווייל דאס איז אנ'אנשטעקענדיגע קרענק... אויך די יודישע זעקס משפחות האבען נישט געוואלט, מען זאל זאגען, אז זיי האבען אדורכגעפיהרט א יודען. א יוד א פרעזידענט — זעהר גוט, אבער א יודישער פרעזידענט — דאס נישט! קיין גרויסע חכמה איז עס נישט, אבער פערצייכענען עס מעג מען...

ארג.

„הארץ" נעגען צוניפרופען דעם ציוניסטישען קאנגרעס

ירושלים, (יט"א)

„הארץ" פערעפענטליכט אנ'ארטיקעל, אין וועלכע זעם ווערט קריטיקירט די צוועקמעסיגקייט פון צונויפרופען איצט דעם ציוניסטישען קאנגרעס. „הארץ" האלט, אז כדי צו בעטראכטען די לויפענדע פראבלעמען איז גענוג צונויפצורופען דעם ציוניסטישען אקציאנס קאמיטעט. דאס צונויפרופען דעם קאנגרעס און דעם ראט פון דער „אגענץ" וואלט בלויז פאראליזירט די נארמאלע ארבייט. אויב אבער עס וועט זיין דורכאויס נויטיג א קאנגרעס, איז בעסער צונויפצורופען אן אויסערארדענטליכען קאנגרעס און נישט א געוועהנליכען גענע וואהלען.

D-ra Lustra
DORADO

קאמוניזם פערשפרייט זיך אין די אראבישע דערפער

ירושלים, (יט"א)

דיש ווערע לאגע פון די א"י-פעלאכען, וועלכע ווערען אונבעצ'רחמנות'דיג עקספלאאטירט דורך די עפענדי'ס און פראצענטניקעס, שאפט א גינסטיגען באדען פאר דער קאמוניסטישער פראפאגאנדע אין אראבישען דארף. די אראבישע צייטונג „מעראאט" על שארק" טיילט מיט, אז די קאמוניסטען געווינען איינפלוסען אין געוויסע אראבישע דערפער אין ארץ ישראל.

צווישען בערג און טאלען

א מעשה מיט א פארטוגעז. — דאס „גאלדענע" לאנד. — א בעגעגניש מיט א לאדזער יונגענמאן. — פון דערוויטענס א פאבריקאנט, פון דער נאהענט א „קלאפער". — א יוד מיט צוויי געשעפטען. — אמאליגע גליקען, היינטיגע צרות. — די שמאלץ-גרוב

(א בריף פון בראזיליען) — פון אינזש. ראובן זינגער

ס'ווערט דא דערציילט אלס פאקט, אז א פארטוגעזע איז מיט יאהרען צוריק געקומען קיין בראזיליען, „פערדרעהט" גרויסע געשעפטען, זיי באוואלגעקע „אפגעוויקעלט" און אוועק צוריק אהיים מיט דער קאלעכדיגער סומע פון 50 טויזענד דאלאר. און דער היים האט זיין צוריקקומען אלס נגיד געמאכט א גע וואלדיגען רושם. אויף די פראגען פון זיינע לאנדסלייט האט דער נייגעבאקענער נגיד ערקלערט, אז די זאך איז גאנץ איינפאך: בראזיליען איז א גאלדען לאנד, געלד וואלגערט זיך דא אין די גאסען, מ'דארף עס נאר אויפקלייבען. די דארטיגע זענען צו פויל דערצו...

דערהערענדיג אזעלכע דבורים, האט זיך צוזאמענגעשטעלט א פארטיע עמיגראנטען, אויסגעקליבען א פיהרער און מיט ווייב און קינדער זיך אוועקגעלאזט קיין בראזיליען צונויפזאמלען די געלדער, וואס וואלגערן זיך אויף די גאסען. אראפגעהענדיג פון שיף, האט איינער פון די עמיגראנטען דערזעהען אויף דער ערד א זילבערנעם צוויי מיל-שטיק און זיך איינגעבויגען איהם אויפצוהויבען. דער פיהרער פון דער פארטיע אבער האט מיט'ן פוס אפגעשטויסען דעם צוויי-מיל-שטיק און געמאכט א פאר-ווארף דעם עמיגראנט: מיר האבען זיך דאך נישט צוליב דעם געלאזט אהער, בכדי אויפצוהויבען איינצעלנע קליין-געלדער.....

אויב נישט גענוי די זעלבע, אבער א עהנליכע פארשטעלונג שאפט זיך ביי אונזערע אויסוואנדערער אויף די ערטער, אויפ'ן סמך פון „ריכטיגע" ידיעות וועגען בעקאנטע, וואס זענען „בע גליקט" געווארען אין גאלדענעם לאנד. עס גענוגט, אז איינער זאל צושיקען אהיים א „רעסיבא" (קוויטונג) פון זיין „קאסא" (האנדעלס-הויז), אויף וועלכען ס'איז אויסגעמאלט א קליידער-שאנק, א שירם א.ד.גל., מיט א טעקסט אין דער אונבעקאנטער שפראך, און שוין רעדט מען וועגען איהם, אז ער האט קיין עין-הרע א געשעפט פון כל-טוב...

אויף דער שיף האב איך זיך בעקענט מיט א יונגען מאן פון לאדז, וועלכער האט געהאט א „ארדעס" פון ריא דע זשאנעירא. דער יוד — האט מיר דער יונגערמאן „פערטרויט" — איז קוים א האלב יאהר אין בראזיליען און ער איז שוין א נגיד. ער האט א אייגענע פאבריק פון זייגערס, איינענע הייזער א. א. וו.

דעם „פאבריקאנט" האבען מיר גע טראפען אין צוויי פיצלעכער צומערלעך, און אויך מיין דעליקאטער אנפרעגע האט ער ערקלערט, אז ער שלאגט זיך ווי ס'איז דורך פון „קלאפען" מיט פארשטע מא שען-זייגערלעך...

דערפאר אבער האט מיר דער יוד גיפא דערציילט וועגען זיינעם א פריינד אין סאן פאולא (דער צווייטער יודישער גרויס ישוב אין בראזיליען), וועלכער איז ערשט א פאריאהר אין בראזיליען און „שטעהט" דארט מיט צוויי גרויסע אייגענע געשעפטען. איך האב שפעטער געטראפט די געלעגענהייט זיך צו בעקענען אויך מיט דעם „נגיד" און מיט זיינע צוויי „אייגענע געשעפטען" פון... אלטע שמאטעס, וואס מ'רופט דא „טינ מאנריא". ביידע געשעפטען צוזאמען האבען אפשר בעטראפען 300 דאלאר, און געהערט צו צוויי שותפים..

די לעגענדעס וועגען יודען, וואס זע נען אפילו אמאל שטארק דער נשוא"ען פון קליענטעלע, זענען און אלגעמיין איבערגעטריבען. איך האב בעזוכט א גאנצע רייה יודען, וואס זענען מיט 20-30 יאהר צוריק געקומען קיין בראזיליע און דאס רוב פאלען שטאמט זייער רייכטום פון גאנץ אנדערע קיועלען, און ס'איז זעהר זעלטען צו געפינען אזעל כע וואס האבען זיך ארויפגעארבייט פון ריינע קליענטעלע... נאך היינט טרעפט אויך אמאל, אז איינער אדער דער אנ דערער ווערט ווירקליך א שטיק נגיד אנהויבענדיג פון קליענטעלע, נאר'מאל אבער מאכט מען קוים א לעבען, און די לעצטע יאהרען אויך דאס נישט, א דאנק דעם וואס ס'איז פארהאן מעהר, „קלי ענטעלשטשיקעס" ווי מ'בעדארף.

אז די „קלאפעריי" און אפילו דער ענדרציל, די קליענטעלע, איז נישט קיין לייכטע און נאך ווייניגער א פכבודיקע פרנסה, און פון אלע שטאנדפונקטען גישט קיין נעוונשענע דערשיינונג אין יודישען לעבען, — וועגען דעם האט מען שוין אויסגעשריבען טייכען טינט. דער פאקט בלייבט אבער א פאקט: קליענטעלע אין דער, אדער אין יענער צורה איז פאר יודען און אלע אייניאוינונגס לענדער בכלל א צווייג פון פרנסה, ספעציעל אין בראזיליען, ליידער. דער איינציגער מקור פאר 99 פראצענט יודישע איינוואנדערער. קיין „שמאלץ-גרוב" איז די קליענטעלע שוין לאנג נישט, אבער א מקור פון פרנסה, וועלכער טרינקט אויך וואס ווייטערמעהר אויס און ביי וועלכער יודען ווע"ן לעצטענס, א דאנק די אומענדליכע קריזיסען, מאגערער און מאגערער אנשטאדט זיך אנעמען מיט שמאלץ פון דער גרוב...

שעדליכע פּחדונות'דיגע פּלענער

פון ד"ר יעקב וויגאָדסקי

אין איטליכער גרויסער היסטאָרישער בעוועגונג, וועלכע שטעלט מיט זיך אָב שטענדיג פאַר א קאַמף אין די פאַרשידענסטע פאָרמען, מוזען פאַרקומען אין קומען אין דער אמת'ן פאַר קריזיסען; דאָס זענען די מניעות, וועלכע דאָס לעבען שטעלט די קעמפער אין וועג. ביי די אלע קריזיסען קענט איהר מערקען לכל-הפּחות צוויי הויפּט-מחנות קעמפער: איין מחנה בעשטעהט פון דעם גייסטיג-שטאַרקען, טיף איבערצייגטען און מסירת-נפש'דיג איבערגעגעבענעם טייל קעמפער; אויף דעם דאָזיגען טייל ווירקען די מניעות-קריזיסען דערהויבענדיג די שטימונג און אַרויסרופענדיג ביי זיי א פערשטאַרקטע אָנשטרענגונג פון אלע כוחות, כדי צו מנצח זיין און בעזייטיגען די מניעות; דער דאָזיגער טייל איז דער קערען און דער עיקר-כח פון דער בעוועגונג; אויף איהם האַלט זיך דער עיקר די בעוועגונג!

די צווייטע מחנה קעמפער כאַראַקטעריזירט זיך דורכדעם, וואָס זי פאַלט ביי זיך אַראָפּ פון איטליכער מניעה, פון איטליכען קריזיס; „עס איז שווער און אפשר טאַקע נישט מעגליך צו בעזייטיגען דעם קריזיס!.. צו וואָס איינשפּאַרען זיך? וואָס קען דאָ העלפען עקשנות?..“ דער דאָזיגער טייל קעמפער דערשרעקט זיך באַלד און הויבט אָן צוריקצוטרעטען אָדער לכל-הפּחות אָפּ א זייט... ביי א קריזיס איז דאָס דער שוועכערער און שעדליכערער טייל פון די קעמפער.

אין ארץ ישראל לעבען מיר איצטער דורך א שווערען קריזיס; און וואָס? דער ציוניזם איז דער שווערסטער פון אלע צילען. וועלכע א פאָלק האָט זיך אמאָל געשטעלט! א סך קריזיסען האָבען מיר איבערגעלעבט, נאָך א סך מעהר וועט אונז מסתמא אויסקומען צו מנצח זיין; און וואָס? דאָס איז דאָך דער קאַמף, דאָס איז דאָך דער גאַנצער לעבען פון דער בעוועגונג! מיר מוזען דערגרייכען אונזער ציל, ווייל מיר האָבען פאַר אונז קיין אַנדער אויסוועג נישט!

פיהלען דאָס מאַכען די אמת'ע קעמפער און שטעהען פעראייניגט אין קאַמף, אָנשטרענגענדיג אלע כחות און גרייט אויף אלע קרבנות.

קומען די פּחדנים: „ס'טייטש! מיר זענען דאָך אַרומגערינגעלט! די אַראַבער געגען אונז; די ענגלענדער געגען אונז!.. אלע געגען אונז!.. צו וואָס פערעקשנ'ען זיך? לאָמיר נאָכגעבען די אַראַבער... לאָמיר שליסען מיט זיי א „ברית שלום“ און... אפשר... צו וואָס עפּעס דווקא ארץ ישראל? פאַרוואָס נישט אַן'אַנדער טעריטאָריע ערגעץ-וואו ביים סמבטיון, הינטער די הרי-חושך... אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון א „הויכער“ מלוכה?..“

דער חלוץ, דער, וואָס שטעהט פעסט לפני המחנה און איז זיכער, אז מיר וועלען מנצח זיין („ווי אַנדערש?“), גיט דערביי מיט כעס א שפּיי און זאָגט: „פּוגרים!..“ לאָמיר זיך אָבער אָן כעס פונאַנדערקלערען אין דער שאלה פון „טעריטאָריאַליזם“, וועלכע שווימט אַרויף אין דער ציוניסטישער בעוועגונג ביי איטליכען גרעסערען קריזיס און וועלכע איז נאָך, ווי מיר דוכט זיך, ביז איצטער, נישט קוקענדיג אויף דער גרויסער אָנגעשוואָלענער ליטעראַטור, נישט קלאָר פערענטפערט געוואָרען.

דאָס פערטרייבען ווערען פון א פאָלק פון זיין לאַנד, דער גלות, האָט ביי יודען אַרויסגערופען א סך גרעסערע בענקעניש נאָך זיין לאַנד, איידער ביי אַנדערע פעלקער, ווייל דער דאָזיגער גלות דויערט ביי יודען א סך לענגער, איידער ביי אַנדערע פעלקער: ביי קיין פאָלק האָט עס קיינמאָל נישט געדויערט כמעט צוויי טויזענד יאָהר אָדער, בעסער געזאָגט, קיין פאָלק האָט נישט אויסגעהאַלטען קיינמאָל נישט אַזא צייט אין גלות, נישט אַסימילירענדיג זיך דערביי אינגאַנצען!

די דאָזיגע בענקעניש, וועלכע שפּיגעלט זיך אָב אַזוי שיין און אַזוי שטאַרק אָפּ אין דער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע פון יודען און אין זייער גייסטיגען שאַפען, פערשטאַרקענדיג זיך מיט דער צייט, וואָס ווייטער, אַלץ מעהר, האָט געמוזט דערגרייכען פריהער — שפּעטער אַזא כח, וועלכער האָט זיך פון א פּאָטענציעלער ענערגיע געמוזט דורכברעכען אין מעשים: ווייטער שטיקען איהם אין זיך איז שוין געווען אונמעגליך! ווען מען וואָלט דעם דאָזיגען געוואַלדיגען כח געקענט אויסנוצען, וואָלט מען געקענט שאַפען גרויסע, גאָר גרויסע מעשים!..

דאָס האָט געטאָן דער ציוניזם, וועלכער האָט מיט דעם דאָזיגען כח געשאַפען זאַכען אין ארץ ישראל, פאַר וועלכע די גאַנצע וועלט שטעהט פערוואונדערט! ער האָט איבער זיין פּלאַנמעסיגע אַרבייט נאָר אָקאָרשט אָנגעהויבען; דער כח אָבער פון זיין בענקעניש, פון זיין איבערגעבענקייט און פון זיין היסטאָרישען חוש איז געוואַלדיג גרויס און וועט קלעקען אויף צו פערענדיגען די דאָזיגע אַרבייט!

הענגט ווי דען קען זיך דער ציוניזם אַריבערטראָגען ערגעץ-וואו אַנדערש? ווי קען זיין א ציוניזם אָהן ציון?

אָהן ציון וואָלט דאָך אָפּגעפאַלען דער אויבענדערמאָנטער געפיהל, וועלכער איז דאָך אגב, רופט איהם, ווי איהר ווילט, די נשמה, און דער עיקר-כח פון ציוניזם!

וואָס וואָלטען יודען געקענט דערוואַיזען אין א"י אָן דעם דאָזיגען געפיהל? פון וואַנען וואָלט זיך גענומען דעם אומאויסשעפּליכער קוואַל פון דעם שענסטען און פון דעם דערהויבענסטען אידעאַליזם, וועלכער האָט יודען געבראַכט צו דער העכסטער מדרגה פון דער מסירת-נפש'דיגער איבערגעבענקייט און דורכדעם צו גרויסע היסטאָרישע מעשים אין דעם עבר און וועט זיי ברענגען צו נאָך גרעסערע מעשים אין עתיד?

קאָלאָניזירען אַן'אַנדער לאַנד? אָהן דעם חלוץ? ווער וועט אָפּגעבען די כחות, דעם געזונט און דעם לעבען אויף אויפצובויען מדבריות? קיין „העם“ וועט

(ענדע זייט 6)

מערקווירדיגער יום-טוב פון מתן-תורה ביי א גרופּע מאראנען אין אפריקע

(ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזשער טאָגעבלאַט“) — יעקב נאַכבין

אין מערב-אַפריקא ליגען א פּאָר אינזלען, וואָס זענען בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „קאַנאַריאָס“ אָדער „טענעריף אינזלען“, וואָס געהערען צו שפּאַניען. די מעהר בעקאַנטע ווערען אָנגערופען „פוערטאַווענטורא“, גראַן - קאַנאַריא, לאַנזאַראָטע, פּאַלמא, גאָמערא און היערראָ.

אלע די אויסגערעכענטע אינזלען זענען וואולקאַנישע, מיט פייער-שפּייענדיגע בערג, און די בעפעלקערונג דאָרט איז זעהר אַן'אָרימע. זינט דעם 15-טען יאָהרהונדערט האַלט שפּאַניען די דאָזיגע אינזלען אונטער איהר הערשאַפט און אין די צייטען פון דער אינקוויזיציע, האָבען זיך דאָרטען פערבעהאַלטען „פאַר-ברעכער“ פונ'ם יודישען גלויבען, וואָס האָבען נאָכ'ן גירוש און נאָכ'ן צוואַנגס-שמד נישט אונטערגעגעבען זיך אינגאַנצען, צו די רוצח'שע פאָדערונגען פון דער קירך.

פּאַלמא אָדער לאַס-פּאַלמאַס, איז דאָרט דער הויפּט-פּונקט פאַר אייראָפּעאישע דורכרייזענדע. דער דאָזיגער אינזעל פערמאָגט א פּאָרט, וואו די גרויסע און קליינע שיפען וואָס געהען קיין אַפריקע, אַמעריקע און צום מיטעלענדישען ים, נעמען אויף קויהלען און אייל. די בעפעלקערונג, וואָס צעהלט היינט אין לאַס-פּאַלמאַס אַרום 300.000 איינוואוינער איז שוין געמישט מיט א מאַסע אייראָפּעער, אָבער די אָרטיגע איינגעבוירענע טונקעל-הויטיגע איינוואוינער טראָגען נאָך אַלץ דעם שטעמפּעל פון נעגערטום, זיי לעבען אין גרויס דחקות און אין נידערגעשלאָגענקייט.

די איינציגע בעשעפטיגונג זייערע איז אָדער נדבות פון אויסלענדער אָדער מתנות, וואָס זיי בעקומען פאַר שוואַרץ-קינצלעריי, כשוף און נאָך אזעלכע קוריאָזען, וואָס אייראָפּעער האָבען ליב צו זעהען. די אָנשטענדיגסטע פּרנסה זייערע איז דאָס, וואָס זיי פיהרען אויף קליינע שיפלעך פּאַסאַזשירען, וואָס פאָהרען לאַס-פּאַלמאַס. די שפּאַנישע רעגירונג האָט צוליב דעם פערבאָטען דאָס אַניקערען פון די שיפען דירעקט ביים פּאָרט, כדי אויסלענדער זאָלען זיך מוזען בענוצען מיט די אָרימע שיפלעך פון די איינגעבוירענע, אויף צו ברענגען פּאַסאַזשירען אין שטאָט אַריין.

ביי דער זייט פון דער שטאָט לאַס-פּאַלמאַס, ליגען גרויסע חורבות פון אַמאָליגע מלחמות און ערד-ציטערנישען. אונטער יענע חורבות שטעהען שטרענגעס קליינע שטיינערנע הייזלעך, וואָס זענען קוים אַזוי גרויס ווי די מאָס פון א מענש. נישטא קיין פענסטער אין זיי, נאָר א שטיקעל אריינגאַנג און א טיר, וואָס זעהט מעהר אויס ווי א לאָך פון א תל. אויפ'ן ערשטען אויגענבליק מיינט מען, אז די שטיינערנע הייזלעך זענען גרעס פון הונט אָדער חיות, וואָרום זייער אויסזעהען איז גאָרנישט ענליך צו וואוינונגען פון מענשען.

דאָרטען וואוינען אָבער יאָ מענשען — מענשען וואָס זענען אַמאָל געווען קינדער פון יודישע בעלי מיוחסים פון שפּאַניען און אין פּאָרטוגאַל, און היינט רופט מען זיי „על מאַנשא דעל בודיאָס“ — (דער שאַנד פלעק פון יודען), זיי זענען אַן'איבערבלייבעכץ פון ענטלאָפענע און פערשיקטע אנוסים. די לאַוועס פון יענע וואולקאַנען וואָס הייסען „טענעריף אינזלען“ האָט זיי נישט אינגאַנצען פאַרלענדערט, ווערען איצט צום רעשט אויפגעפרעסען פון א שוידערליכען זשאַווער און קאַלט-שטיינערנע לאַשקעס, וואָס זענען אפשר איבערגעבליבענע לעבער פון קאַטוילישער תפיסות און קאַרצער'ס.

צווישען זיי עקזיסטירען נאָך גרופּען מיט קענטיגע מנהגים פון מאַראַנען. זיי האַלטען צוויי טעג אין דער וואָך אלס רוה-טעג — שבת און זונטאָג. פאַר'ן עסען וואַשען זיי זיך די הענד מיט די פיס און דעם ערשטען ביס ברויט טונקען זיי איין אין זאַלץ, אַזוי ווי א פרומער יוד טונקט איין א המוציא...

אין די פערוואָגלטע מוחות זייערע, איז געבליבען א זכרון, אז אין א געוויסע צייט פונ'ם יאָהר האָבען יודען א יום-טוב פון מתן-תורה, דער יום-טוב פון שבועות מיינען זיי. אָבער זיי ווייסען שוין מעהר נישט, אז שבועות ווערט געפּראַוועט דעם 6-טען און 7-טען טאָג פון חודש סיון. און זיי ווייסען אויך מעהר נישט, וואָס פאַר א טראַדיציע עס ליגט אונטער דעם יום טוב שבועות, וועלכען יודען פּראַווען נאָך היינט אין דער גאַנצער וועלט. אין זייערע פערגלות'טע מוחות פלאָנטערט זיך נאָך דער זכרון, אז עפּעס איז יאָ פערהאַן אַזא יום טוב, וואָס סימבאָליזירט די גאַב פון תורת-משה צו יודען, און ווי עס ווייזט אויס וואָלטען זיי מיט לייב און לעבען געוואָלט פייערן דעם דאָזיגען יום טוב אַזוי ווי פרומע און גוטע יודען פייערן איהם אין דער גאַנצער וועלט. אָבער — דער דאָזיגער אָבער, וואָס שטעהט פאַר זייערע אויגען ווי דער עמוד עשן האָט זיך געשטעלט פאַר די אויגען פון די מיצרים בעת יודען זענען אַריבער געגאַנגען דעם ים — דער דאָזיגער „אָבער“ וואָס איז ווי א קונד איינגעוועבט אין בלוט און אין טרעהרען פון יאָהרהונדערטער פערפאָלגונגען האָט פון זיי א תל געמאַכט, אונטערגעריסען זייערע אינטעלעקטועלע וואָרצלען אויף אַזוי ווייט, אז היינט זענען זיי שוין נישט נאָר קיין יודען נאָר אפילו אלס קאַטאָליקען קענען זיי מעהר נישט פערגלייכט ווערען.

א פערגאַנגענהייט פון איבער פיער הונדערט יאָהר אויף יענע אינזלען איז נאָר קיין קלייניגקייט נישט. אָפּגעריסען

(ענדע—זייט 6)

די ליבעס-געשיכטע פון פּרינץ קאראל

ווי אַזוי די אַלטע רומענישע רעגירונג האָט פערטריבען דעם טראָהן-פאָלגער, צוליב זיין ליבעס-געשיכטע מיט מאַדאַם ליפּעסקו

4.

די פּאָליטישע אינטריגעס נאָך קאראָל'ס פערלאָזען רומעניען.

גלייך ווי פּרינץ קאראָל איז אַוועק פון רומעניען, איבערלאָזענדיג דעם טראָהן, זיין פרוי און זיין קינד, זיינע עלטערן און פאַמיליע, האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען די אמת'ע פּאָליטישע אינטריגעס געגען איהם און געגען רומעניען בכלל.

פערשטעהט זיך, אז וואָס די רומענישע רעגירונג און דער קעניגליכער הויף איז געווען אַזוי שטאַרק בעשעפטיגט מיט'ן פּרינץ קאראָל'ס ליבעס געשיכטען, סקאַנדאַלען און אינטריגען, האָט מען צוליעב דעם שטאַרק פערנאַכלעסיגט די אַלגעמיינע אינטערעסען פונ'ם לאַנד און די רומענישע בעפעלקערונג האָט שטאַרק געליטען.

פּרינץ קאראָל האָט זיך דאַן בעזעצט אין פּאַריז צוזאַמען מיט זיין יודישער געליבטער מאַדאַם ליפּעסקו און געלעבט א [illegible]...

די [illegible] פון [illegible] קאראָל, אז ער וואַרט ביז דאָס פאָלק וועט [illegible], האָט נישט וועניג [illegible] די געמיטהער פון די [illegible] רעגירונג, [illegible] פּאָליטישע לענדער, וועלכע זענען שטאַרק פעראינטערעסירט אין דער רומענישער פּאָליטיק.

בריאַטיאַנו, דער רומענישער פּרעמיער, וועלכער האָט אָנגעפיהרט דאָס גאַנצע שטיקעל אַרבייט, אז פּרינץ קאַראָל זאָל פערטריבען ווערען פון לאַנד, האָט אין דער ערקלערונג פונ'ם פּרינץ געזעהען א מין אויפהעצונג פונ'ם רומענישען פאָלק געגען זיין ממשלה; ער האָט גוט פערשטאַנען, אז ווען דאָס רומענישע פאָלק וועט הייסען אהיימרופען קאַראָל'ען, ער זאָל איבערנעהמען די קרוין פון דער מלוכה, וועט בראַטיאַנו צוערשט מוזען אַוועקגעהן און אפשר וועט ער אויך מוזען אַוועקגעהן אויף אייביג, ווי פון דער רעגירונג... אלס קלוגער פּאָליטיקער און אזוי ווי ער איז דעמאָלט געווען ביי דער מאַכט, האָט ער אויסגענוצט זיין איינפלוס און אויפגעהויבען א שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע איבער רומעניען און אויך אין אויסלאַנד געגען פּרינץ קאראָל. די רומענישע צייטונגען האָבען יעדען טאָג געבראַכט סקאַנדאַליעזע געשיכטען וועגען קאראָל'ן און זיין יודישע געליבטע מאַדאַם ליפּעסקו. דערמיט האָט בראַטיאַנו געוואָלט דערנידעריגען דעם רומענישען טראָהן-יורש אין די אויגען פון זיין פאָלק און אַזוי אַרום אונטערגראָבען יעדען מעגליכקייט, קאַראָל זאָל קאָנען צוריקקומען קיין רומעניען.

אין דער פראַנצויזישער פּרעסע האָט בראַטיאַנו פערשפּרייט קלאַנגען, אז פּרינץ קאַראָל איז א פריינד פון דייטשלאַנד, כדי צו קאָמפּראָמיטירען דעם פּרינץ אין די אויגען פון פראַנקרייך.

פראַנקרייך [illegible] שטאַרק פעראינטערעסירט אין רומעניען, כדי אויפצוהאַלטען איהר פּאָליטישען איינפלוס אויפ'ן באַלקאַן און אין צענטראַל אייראָפּע. אין ענגלאַנד ווידער האָט בראַטיאַנו געזוכט פערצושטעלען קאַראָל'ען פאַר א פּשוט'ען אַוואַנטוריסט און אונמאָראַלישען מענשען, וואָס אין ענגלאַנד איז דאָס דער בעסטער מיטעל צו קאָמפּראָמיטירען א מענשען. אויסער דעם האָט מען אויך אין ענגלאַנד געזוכט צו בעווייזען, אז פּרינץ קאַראָל איז א צו גרויסער פריינד פון פראַנקרייך, א בעווייז, אז פראַנקרייך האָט איהם ערלויבט זיך צו בעזעצען ביי איהר אין לאַנד צוזאַמען מיט זיין געליבטער...

בראַטיאַנו האָט אַזוי לאַנג טעטיג געאַרבייט געגען קאַראָל'ען, אז זיינע מעגליכקייטען זיך צוריק צוקעהרען קיין רומעניען זענען געווען זעהר שוואַכע. מען האָט איבעראַל גערעדט וועגען איהם נישט ווי וועגען א צוקונפטיגען קעניג, נאָר ווי וועגען עפּעס אַן'אינטערנאַציאָנאַלען סקאַנדאַליסט און פערברעכער.

אַזוי אָבער ווי די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע אין רומעניען האָט זיך כסדר פערערגערט און אין פאָלק האָט מען זיך אָנגעהויבען שושקען וועגען דער שלעכטער פּאָליטיק פון דער בראַטיאַנו-רעגירונג און וועגען דער רעגענטשאַפט, וועלכע איז געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון בראַטיאַנו'ן, האָט זיך געשאַפען א גרויסע בעוועגונג צווישען די רומענישע בויערים, מען זאָל צוריק אַהיימרופען קאַראָל'ען און איהם מאַכען פאַר'ן קעניג.

דער בויערים פיהרער ד"ר מאַניו, האָט פערשטאַנען, ווי אַזוי אויסצונוצען דאָס דאָזיגע פּאָליטישע מאַטעריאַל און ער האָט זיך געשטעלט בראש פון דער בויערים פּאַרטיי און מיט איהר אונטערשטיצונג, האָט ער מיט א יאָהר צוריק אַראָפּגעוואָרפען בראַטיאַנו'ן פון זיין הערשאַפט און ער האָט איבערגענומען די רעגירונג פון לאַנד.

ווען ד"ר מאַניו איז געוואָרען פּרעמיער האָט ער אָבער ערקלערט, אז ער וועט בשום אופן נישט ערלויבען פּרינץ קאַראָל'ען זיך צוריקצוקעהרען קיין רומעניען. דאָס איז פאַר אַלעמען געווען א גרויסע איבעראַשונג, ווייל אלע האָבען געוואוסט, אז ד"ר מאַניו איז אַן'אַנהענגער פון פּרינץ קאַראָל און אז זיין פּאַרטיי איז אויך דערפאַר, אז פּרינץ קאַראָל זאָל צוריקקומען.

ד"ר מאַניו איז אָבער געווען גענוג קלוג צו פערשטעהן, אז איידער ער וועט זיך נישט איינזאַמלען אין דעם פערד און ער וועט דאָס פערד לאָזען שנעל לויפען, וועט ער אַראָפּפאַלען און גע'הרג'עט ווערען...

דערפאַר האָט ער זיך צוערשט בעפעסטיגט און זיין ממשלה איבער'ן לאַנד. ער האָט זיך צוערשט ערוואָרבען די סימפּאַטיע פונ'ם פאָלק, דאַן פון דער אַרמעע און פון קעניגליכען הויף, וועלכער איז א צייטלאַנג געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון בראַטיאַנו'ן.

פריהער האָט ער נישט געהאַט די פולע סימפּאַטיע פון אלע זייטען, און כל זמן ער האָט געזעהען, אז קאַראָל האָט דערווייל מעהר געגנער, ווי אַנהענגער האָט ער געהאַלטען אין איין שרייען, אז פּרינץ קאַראָל טאָר נישט צוריקקומען קיין רומעניען... אַזוי אָבער ווי ער האָט [illegible], אז די סימפּאַטיען פאַר קאַראָל'ען [illegible] זיך, האָט ער אָנגעהויבען [illegible] דעם באָדען [illegible], אז פּרינץ קאַראָל זאָל קענען צוריקקומען.

י. שאַאַס.

דער געשפּענסט פון מלחמה-יאָהרען

(פון אינוואַלידען-לעבען) — פון מארק ראַזומני

הונדערטער שרייבער האָבען געשילדערט שלאַכט-פעלדער, האַרמאַטען-שיסערייען, טראַנשייען, נצחונות און מפּלות, בלוט און טויט — אָבער געצעהלטע בעשרייבען דעם שטילען, שאָטענדיגען און עלענדען לעבען פון די נאָך-מלחמה-קרבנות פון די אינוואַלידען אלמנות און יתומים, וואָס ווערען נאָך אַרויסגעריסען פון לעבען און טומעל און שלאַכט, נאָר זיי שלעפּען מיט לעצטע, אויסצאַנקענדיגע כחות דעם יאָך פון א געמאַטערטען לעבען, וואָס פון זייערע אויגען קוקט דערשלאָגענקייט און פּיין, וואָס דער שאָטען פון עלענד יאָגט זיך נאָך זיי אויף יעדען טריט.

א סך יאָהרען זענען שוין אַוועק זינט די מלחמה האָט זיך פערענדיגט. אָבער איהרע ביינערדיגע פינגער האָבען נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזען פון א סך קרבנות און זיי ווערגען און שטיקען.

אָט וועלען מיר זעהען:

איך הויב זיך אַרויף אויף פיר פערדרעהטע, אויסמאַטערנדיגע טרעפּ פון א גרויס פּרודיג הויז, וואָס איז בעוואוינט נאָר פון אָרימקייט. גאָר אויבען ליגט א קעמערל. עס איז קליין, די סטעליע ליגט אויפ'ן קאָפּ, די מויערען זענען נידריג, און זענען זיך גוקס אין יעדען אַריינגעהער מיט א זעץ אין קאָפּ. די ווענד זענען אָפּגעקאָלופּעט און פייכט. די לופט איז טונקעל. דאָס פענסטערל איז אַזוי קליין און געבעלדיג, אז אפילו קיין איינציגער שטראַהל פון דער זומערדיגען זון קאָן אין איהם נישט אַריינדרינגען. מסתמא איז דאָ פריהער געווען א בוידעם אויף צו הענגען גרעט, און דער אונטערנעהמערישער בעל-הבית האָט דאָס פערוואַנדעלט אין „אַפּאַרטאַמענטען“.

דאָס איינציגע בענקעל אין שטוב ווערט אָפּגעוואַשט מיט'ן פאַרטוך און איך זעץ זיך.

די בעל-הבית'טע, א יונגע אלמנה מיט א פינסטער פּנים, וואָס דער גאַנצער עלענד פון דער וועלט ליגט אין זיינע קנייטשען, דערצעהלט:

— מיין מאַן איז פאַראַיאָהרען געשטאָרבען. ער איז פערסמ'ט געוואָרען פון גיפט-גאַז, האָט אלע יאָהרען זיך געמאַטערט. פאַראַיאָהרען איז איהם די שטיקעניש אויפגעקומען שטאַרקער, ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטע ביסעל לונגען. מען וואָלט איהם געקאָנט ראַטעווען, ווען ער וואָלט נאָך צייטיג אָפּגעשיקט געוואָרען אין א וואַלד, אָבער קיין געלד איז נישט געווען. און איך בין געבליבען אליין מיט דריי קינדער...

די צווייטע שטוב, אויף פינף טרעפּען. שוין א ביסעל מעהר אויפגערוימט. דאָס דירה'לע איז עפּיס לייטישער — נישט אומזיסט צאָהלט מען דאָ זעכצען לאָט דירה-געלד. די טיר עפענט א געשטאַלט, פערוויקעלט אין א טוך ביז אונטער די אויגען. אז זי וואַרפט אַראָפּ די פאַטשיילע, זעהט מען, אז דאָס איז א פרוי. אָבער וואָס פאַר א פּנים! געל. אויסגעמאַגערט, ווי א סקעלעט, מיט קרענקליך-פינקעלדיגע אויגען — א ווילטיגער שאָטען. מיט א ציטערדיגער שטים הויבט זי אָן רעדען, אָבער דאָס רעדען איז איהר שווער, און איהר מיידעל נעמט איבער דאָס איבערגעריסענעם פאַדעם פון דער ערצעהלונג:

— דער טאַטע איז אין א סאַנאַטאָריע. ער האָט קיין לונגען נישט. איז אין אַזא שלעכטען צושטאַנד, אז די מלוכה האָט איהם געשיקט אַהין אויף איהרע הוצאות. מיר בעקומען פענסיע 30 לאָט א חודש; אויף דעם האָט געלעבט אונזער גאַנצע פאַמיליע, זאַלבע פינפט.

אין דרויסען איז א היץ, אָבער אין שטוב איז קאַלט. דער מאַמע מיט'ן געליטענעם שאָטענדיגען פּנים שוידערט עס. די קליינע קינדער, ווי עס שיינט, איז אויך נישט צו וואַרעם. בעת מיר רעדען, הערט זיך, ווי אין צווייטען קליינעם צימערל לויפען אַרום מייז.

איצט זענען מיר אין א דירה'לע, אין א הילצערנעם שטעלכעל ערגעץ אויף א הינטערהויפעל. ביז מען קומט צו אַהין, דרעהט מען זיך אויס די פיס אויף די שפּיציגע שטיינער, נאָכדעם קומט מען אַריין אין א פינסטערען קאָרידאָר, און פון דאָרטען — אין א קליינינקען, נידריגען שטיבעלע. דער בנין שטעהט קרום און אלץ אין דעם קעמערל איז אויך אויסגעקרומט: איין ברעג טישעל איז עפּיס העכער פון אַנדערע, דאָס קליינע פענסטערל מיט די צושפּאָלטענע גלעזלער איז אויסגעדרעהט, אַזוי, ווי א פּאַפּירענס. דאָס געלעגער און ווינקעל שטעהט אויך צוהויקערט, דאָס אויוועל האָט אויפגעהויבען איין פוס. אין דעם פינסטערען שטיבעלע דרעהען זיך אַרום א האַלב טוץ קינדערלעך, אויך צוקאָרטשעטע און צובויגענע פון קינדער-קרענק, און ביים געלעגער שטעהט א קינסטליכער פוס.

— דאָס איז „זיין“ פוס — דערצעהלט דאָס ווייבעל, מיט א חנ'עוודיגען פּנים און מיט א גאַמבע, אויסגעפּרעסען פון לופוס-קראַנקהייט — ער איז איצט אין סאַנאַטאָריע, דאָרטען ליגט ער, דעריבער האָט ער זיין פוס דאָ געלאָזט...

איבער'ן וועג געפינט זיך א שוסטער-וואַרשטאַטעל. דער בעל-הבית האָט פערלוירען 80 פּראָצענט פון זיין אַרבייטס-פעהיגקייט, א חוץ דעם האָט ער נאָך אַן'אינגעווענינסטען פעהלער, אָבער קיין פענסיע בעקומט ער נישט. דער אָפּגעלאָזענער, קאַלטער וואַרשטאַט, וואָס איז אויך א „דירה“ פאַר'ן שוסטער און זיין הויז-געזינד פון א ווייב און פיר קינדער, קאָן אויך קיין געזונד נישט צוגעבען. דירה-געלד צאָהלט מען דאָ 40 לאָט א חודש, קיין אַרבייט איז נישטאָ, און דער צוקאַלעמטשעטער מאַן מוז זוכען אַרבייט אויסער'ן הויז.

אומעטום און פערלאָזען איז דאָס דירה'לע פונ'ם אינוואַליד ס. א פּאָר הינער-שטיינגלעך, וואו עס וואוינען זיבען פערזאָן אין אונמעגליכע בעדינגונגען. ס. אליין איז א מענש מיט א צוקאַליעטשעטער האַנד, מיט אויסגעפּרעסטע לונגען — יעדעס וואָרט קומט איהם אָן מיט מאַטערניש, ער פרעבעלט און פערשלינגט זיך אָהן אָטעם. לויט זיין פּראָפעסיע איז ער א שוסטער, אָבער ווינטער האָט ער קיין אַרבייט נישט.

און נאָר אויף די זומער-חדשים דינגט ער א חורבה'לע ערגעץ אויפ'ן שטראַנד, און טראָגט אַרום א גאַנצען טאָג צו קונדען די שיך, וואָס אַן'אַנדערער מאַכט צורעכט, ווייל ער אליין קאָן נישט אַרבייטען. א חוץ די עטליכע חדשים, דערנעהרט זיך די גאַנצע פאַמיליע פון א קליינטשיגען קיאָסקעלע אין א פערוואָרפענער געגענד, וואו מען פערקויפט א ביסעל צייטונגען און א פּאָר צעהנדליג פּאַפּיראָסען א טאָג. ס. האָט שוין געהאַט מיט עטליכע יאָהר צוריק פענסיע פון דער רעגירונג, אָבער מען האָט די פענסיע אָפּגענומען פון איהם צוליב פּאַס-ענינים. איצט איז ער שוין אפילו א שר'ער לעטוישער בירגער, אָבער די פענסיע בעקומט ער דאָך נישט, און ער מוז זיך מיט אייגענע כחות דורכשטופּען זיין וועלטעל.

און אָט הויב איך זיך שוין אַרויף אויך איבער געדרעהטע טרעפּלעך אין א דאַך-דירה'לע ערגעץ אין אַלטשטאָט. די טרעפּלעך זענען אַזוי פערקרומט און צוקאַלעמשעט, אז מען קאָן, דאַכט זיך, ווערען אַן'אינוואַליד, נאָר איינמאָל אַרויפגעהענדיג אָדער אַראָפּגעהענדיג. אויבען וואוינט „א געזונד זאַלבע אַכט“. א קראַנקער טאַטע מיט א געלען פּנים, ווי פּאַרמעט, מיט א צוקרומטען רוקען און פערליימטע אויגען; א מאַמע — נאָך נישט אַלט, אָבער פער'חושכ'ט און עלענד. דער מאַן הוסט אָהן אויפהער און מיט יעדען הוסט שפּייט ער אַרויס א שטיק פון זיינע לונגען. ער איז אויך א ביסעלע געשטערט פון די סך צרות און יסורים. ער בעקומט א קליינע פענסיע, א חוץ דעם האָט ער אויך אַן'אָרדער אויף אַזא בעטעל און שפּיטאָל פון רויטען קרייץ.

— איך וועל אָבער נישט געהן אַהין.

— רעדט ער צווישען איין הוסט און דעם אַנדערען, — איך וויל נישט שטאַרבען אונטער'ן צלם.

און ער ליגט אויפ'ן בוידעם, געהט אויס, ווי א ליכט, און האָט אפילו נישט דאָס קליינגעלט, אויף צו קויפען א רפואה.

אין נאָך מעהרערע ערטער בין איך געווען. אומעטום דער זעלבער עלענד און אונטערגאַנג. אומעטום קראַנקע, אויסצאַנקענדיגע מענשען, מענער, וואָס האָבען זייער געזונד און לעבען אַוועקגעגעבען און פרויען, וואָס מוזען מיט זייערע לעצטע שוואַכע כחות דערנעהרען זיך און זייערע אומגליקליכע פאַמיליעס, אַהנזוגענע און אַהנלופטיגע בוידעמער און טונקלע קעלערען, ברעטערנע שטיינגלעך; צאַנקענדיגע קראַנקען-[illegible] און חושכ'דיגע, נאַסקייט [illegible] ווענד — און די ערשטער הויזען מענשען, וואָס האָבען אַוועקגעלייגט זייער יוגענד, זייער לעבענס-פריינד און געבראַכט פאַר א קרבן זייער היינט און זייער צוקונפט.

און עס נאָגען אָהן אויפהער פראַגען:

— ערפילען מיר טאַקע אונזער חוב לגבי די אלע אומגליקליכע, וואָס האָבען אויך א רעכט אויף לעבען, פּונקט אַזוי ווי מיר? זענען מיר דען נישט פערברעכעריש גלייכגילטיג צו די אלע שטילע אַלטעגליכע טראַגעדיעס, וואָס שפּילען זיך אָפּ אין די בוידעמער און קעלערען, וואו די אינוואַלידען מאַטערן זיך אָפּ א לעבען און צאַנקען ווי א ליכט? טוען מיר דען אַלץ, וואָס ס'איז נויטיג, כדי צו פערטרייבען דעם עלענד, וואָס מיר האָבען בעקומען בירושה פון פאַרשאָלטענע מלחמה-צייטען?

——080——

לאדז — 22 יוני 1930. — זונטאג, כ"ו סיון תר"ץ — פ' קרח — זון אויפג. גג: 3.16 — זון אונטערג. אנג: 7.55

טאג-כראניק

די אביטוריענטען
אין גימנאזיע אויף פאמארסקא 46

אין דער מענער-גימנאזיע פון דער „געזעלשאפט צו פערשפרייטען בילדונג און טעכנישע וויסען צווישען יודען" (פאמארסקא 46) האבען בעקומען מאטורא: ליטמאן אלטמאן, אשר בודערמאן, לייבוש בעראוווסקי, יעקב צוויג, לייב אייזענבערג, משה אייזענבערג, פישעל פלאמוי, לייב פרידע, יעקב גראסמאן, ישראל הימעל, אלחנן יעלענאוויטש, אברהם י. קארא, בצלאל קנאבעל, ארטור לילקער, ישראל ליבנאווסקי, יצחק ליפשיץ, מרדכי פאנסקי. אריה פערעל, ישראל שאלעכאוויטש, הערש שטוצקי, אבינדור טייבענפליגעל, דוד וואלטער, אליהו וועלצמאן, אהרן זילבערבערג.

* * *

די גימנאזיע איז איצט דורכ'ן מיניסטעריום צוגעטיילט געווארן צו דער קאטעגאריע „בע".

די אנפאלער אויף לאדזער האנדעלס-באנק זענען נאך נישט געכאפט

עס איז ארעסטירט געווארען אן אינטערנאציאנאלער באנדיט און קאסע-ברעכער פון לאדז, וועלכער האט געוואלט בערויבען דעם גראביע קוויליעצקי

(§) פרייטאג פארנאכט האט זיך איבער לאדז פערשפרייט א קלאנג, אז די פאליציי האט אין גראדזשיץ, קאנער קרייז, ציפעליג ארעסטירט איינע געוואפענטע קאסע-ברעכער און אז לויט אלע אנצייכענס פון די פערהאלטענע זענען זיי עס די קאסע-ברעכער, וועלכע האבען די פאריגע וואך איינגעפיהרט דעם דרייסטען רויב-אנפאל אויף דער לאדזער האנדעלס באנק.

אבער שוין די פאר-אויספארשונג האט בעוויזען, אז די ארעסטירטע באנדיטען האבען נישט קיין שום שייכות מיט דעם לאדזער אנפאל אויף דער באנק.

דער ארעסט אין גראדזשיץ שטעלט זיך פאר אזוי: אין מיטען נאכט האט א פאליציי-פאטרול בעמערקט אין דעם שטעטעל א גרופע פערדעכטיגע לייט, וועלכע האבען זיך געוואלט אויסבעהאלטען. זיי זענען אבער ארומגערינגעלט געווארען און אונטער דער דראהונג פון אויסגעשטרעקטע רעוואלווערען זענען זיי געצוואונגען געווארען זיך אונטערצוגעבען אהן ווידערשטאנד. אין דער פאליציי-עקספאזיטור האט זיך ארויסגעוויזען אז די פערהאלטענע זענען מאריאן אנדזשעיטשאק פון לאדז, לעאן ניעוואדאמסקי, יאן טראוטשינסקי און אויגעניוש אנוואנאו. ביי אלע האט מען געפונען אנגעלאדענע רעוואלווערען, קוילען און געצייג צו עפענען פאנצער-קאסעס. צוליב דעם האט די גראדזשיצער פאליציי טעלעפאניש זיך פערשטענדיגט מיט'ן לאדזער אויספארשונגס-אמט, וועלכער זוכט די אנפאלער אויף דער האנדעלס-באנק. די לאדזער פאליציי האט בעאויפטראגט אהערצושיקען קיין לאדז אלע 4 געפעהרליכע פערברעכער.

וועגען דעם לאדזער מאריאן אנדזשעיטשאק האט זיך דאן ארויסגעוויזען, אז ער איז א בעקאנטער באנדיט און קאסע-ברעכער, וועלכער ווערט געזוכט דורך דער פאליציי פאר א ריהע פערברעכענס, וואס ער איז בעגאנגען אויך אין אויסלאנד. ער איז עס געוועזען דער, וועלכער האט אויסגעפיהרט אנפאלען אויף די בענק אין קוטנא און וולאצלאוועק און א רויב-אנפאל אויפ'ן יובעליר-געשעפט פון יאגאדזשינסקי אין ווארשא.

די איבריגע זענען געווען אנדזשעיטשאק'ס מיטהעלפער. זיי האבען זיך מודה געווען, אז זיי האבען געוואלט אויספיהרען אן אנפאל אויפ'ן פאלאץ פון גראף קוויליעצקי, וועלכער האט ביי זיך א סך געלד.

א פאסט-טרעגער
וואס האט גע'גנב'עט ווערט-בריף

(וו) דער בריף-טרעגער ריימאנד טאמאלקי איז פער'משפט געווארען דורכ'ן קרייז-געריכט אויף 3 חדשים תפיסה פאר בע'גנב'ענען אויסלענדישע בריף מיט געלד פון דער פאסט. ער האט זיך מודה געווען אין פערברעך און האט דעם אורטייל אויפגענומען מיט א העשעדיג געוויין.

יודישע טעאטער אין פילהארמאניע-זאל — נארוטאוויטש 20 —
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן

לעצטע פארשטעלונג
בכדי צו געבען די מעגליכקייט אלע צו בעזוכען די פארשטעלונגען ווערט געשפילט צו פאלקס-פרייזען פון 50 גר. ביז 1.50

היינט זונטאג ד. 22-טן 9 אווענט לעצטע געזעגענונגס-פארשטעלונג
צום 15-טען און לעצטען מאל
אויפ'ן וועג קיין בוענאס-איירעס
(דאס לעבען פון דער אונטערוועלט) אין 3 אקטען פון רייזעלמאן
אכטונג! אויף דער היינטיגער פארשטעלונג וועט זיין אנוועזענד דער ליבלינג פון אמעריקא ה'
הערמאן שעראדזקי
ס'נעמט אנטייל לויט א.ב. פרויען: בעזמאן, נערה, פאדערמאן, דיכטענבערג און ליבראווסקא, מענער: צריטל, אייזענבערג, באלבירסקי, הערשקאוויטש, האמבורגער, נייהויז, פאלאנסקי און ראקאוו. מוזיקאלישע לייטונג — ל. זעלמאי.
בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען צו בעקומען אין דער קאסע פון פילהארמאניע.

ראדיא פראגראם

זונטאג 22 יוני

לאדז, (233,8) 11.58 שעה-צייכען 12.10 גראמאפאן-פליטען-מוזיק, 16.15 טעאטער און קינא קאמוניקאטען, 16.20 מוזיק, 16.20 מאטעמאטישער פארטראג, 16.50 מוזיק, 17.10 „דער אמת פון געשיכטליכע ערצעהלונג" פון פראפ. ה' מאשטשיצקי (טר. פון ווארשא), 17.25 פאפולערער קאנצערט, 18.35 אנגענעהמע און נוצליכע ידיעות, 18.50 פערשידענעס, קאמוניקאטען און פראגראם פארן נעכסטיגען טאג, 19.20 א האלבע דיאלאג פון פען-קלוב 20— 19.50 גראמאפאן-פליטען מוזיק, 20—21— פיאנא רעציטאל פון פראפ. מיכאלאווסקי; 21—21.15 ליטערארישע פערטעל שעה, 21.15—22 פאפולערער קאנצערט, 22— פעליעטאן „אין דער שטאט פון רומעניען און אין צפון ומנפציען", 22.15 וועטער, פאליציי, ספארט און אנדערע קאמוניקאטען, ווי אויך טאנץ, מוזיק.

קראקא (312,3) 17— פעליעטאן פון א רייזע אין דער מדבר סאהארא, פון דר ט. קיעלפינסקי, 18.35 פארטראג, „כמארעס אין כוואליעס", 20— אווענד קאנצערט.

אויסלענדישער ראדיא-פראגראם.

ווין (517) 11.05 סימפאנישער קאנצערט.
פראנקפורט (390) 19.30 „דער סטודענט אלס בעטלער" (אפערע).
לייפציג (259) 20— אפערע אויפפיהרונג
ברעסלוי (325) 20.15 נאכסטזאן אויספערקויף (הערשפיל)
מאילאנד (501) 20.30 „דער גראף לוקסעמבורג" (אפערעטע)
רוים (441) 21.02 אנדערע שעניער" (אפערע).
מינכען (533) 21.10 „דער פאמעראנצען גנב" (לוסטיג-הערשפיל)

שארפע קאנטראל איבער אויטאבוסען

(ב) אזוי ווי די אויטאבוס-קאמוניקאציע צווישען לאדז און ארומיגע שטעט צוואקסט זיך, האט די אדמיניסטראטיווע מאכט פעראָרדענט, אז אין אלע אויטאבוסען מוזען זיין אפטייקלעך, די שאפערס מוזען טראגען היטלעך פון איינהייטליכען טיפ, און אווענד מוזען די אויטאבוסען זיין בעלויכטען.

צוליב איינינגע טויזענד זלאטיט אין לאנג-טערמיניגע ראטען אויסצוצאהלען האט געשוואוירען מיטוואך דעם 11-טען ד. ח. אין דער אלטשטעדטער שוהל וואלבארסקא גאס ביי אנגעצינדענער ליכט און א טלית ביי א ספר תורה אין געגענווארט פון הרב פיינער. דער אינהאבער פון עקספעדיציאנס-געשעפט און אייגענטימער פון 2 הייזער אין לאדז.

משה גארפינקעל — קילינסקיעגא 60 — 2888

פחדנות'דיגע פלענער
(ענדע פון זייט 5)

איהר דארפט נישט איפבויען און, וואס איז ווכטיגער פאר אלץ, קען נאציאנאלע קולטור אויך נישט!

הענט וואס איז דער תחלית דערפון? נאך צוויי-דריי דורות וועט פון יודען און די דאזיגע קאלאניעס קיין זכר נישט בלייבען!

אזא קאלאניזאציע קען מען בעטראכטען נאר אלס א מקור פון פרנסה! די עקאנאמישע לאגע פון יודען — אין דער גאנצער וועלט און בפרט אין פוילען איז אזא אומגליקליכע, דאס מיר שטיצען מיט פרייד אלע קאלאניזאציע און בכלל עמיגראציע-מעגליכקייטען פאר יודען. דאס איז א פראגע פון ברויט פאר היינטיגען טאג; אבער נישט — פון א תכלית!..

די פראגע פון יודישער לאנדווירטשאפט אין פוילען האב איך מיט א יאר צעהן צוריק גרונדליך בעארבייט*).

נאטירליך, אויב מען רעדט וועגען אויסטראליענען דורך „חלוצים" די „פיוניער בלאטעס", רעדט מען דא נישט אזוי וועגען דער הגדה, ווי וועגען די קנייטלער... און דער פארם פון אמעריקאנישע גלער פאר „פארטי"-מענשען און קדחת (מאלאריע) פאר די „חלוצים"...

די גאנצע גרויבלעניש און לאנדווירטשאפטליכער ארבייט פאר יודען אין פוילען, אלס אן ערנסטער מקור פון פרנסה, איז דערווייל לעדער — פוסטע רייד! ווען געוויסע יודישע געזעלשאפטען זאלען אויפהערען געבען געלד אויף די דאזיגע פוסטע זאכען, בלייבט פון די אלע בערוהמטע חברות פאר פראדוקטיוויזירען יודען, וואס פלאפלען אזוי פיל איבער „א יודישער לאנדווירטשאפט" — קיין שום זכר נישט!..

די פראגע פון „איבערשיכטען זיך" פאר אזא פאלק, ווי יודען, איז בכלל אן אויסערגעוועהנליך שווערע זאך; אין פוילען אבער איז זי, ווי געזאגט, אן אומגליקליכע זאך, לכל הפחות איצט און אין דעם נאהענטען עתיד!...

עס איז נישטא פאר אונז, יודען, קיין אנדער וועג צו אן אמת'ע גאולה, חוץ דער וועג קיין א"י. מיט דעם דאזיגען וועג, און נאר מיט דעם וועג, ווילען מיר געהן און מוזען געהן! דארטען וועלען אונזערע עקאנאמישע נויטען קענען פערענטפערט ווערען, דארטען וועט אויסוואקסען א נייער, שעהנער, מאדערנער העלדישער יוד; דארטען וועט די אלטע גרויסע יודישע קולטור מאדערניזירט ווערען און נאך שעהנער ווערען — נאר דארטען!

*) זעה: אין משה שאלום'ס חודש-זשורנאל „דער לעבען" א ריהע ארטיקלען מיינע: „די יודישע אגרארפאליטיק" פון יאהר, דוכט זיך, 1919.

—0§0—

צוזאמענשטויס פון אן אויטא מיט א וואגען
וואס איז געפאהרען מיט א יודישע פאמיליע אויף דאטשע

(§) אויף ראקאטשינער גאס איז נעכטען געקומען צו א שווערען צוזאמענשטויס צווישען אן אויטא און א וואגען. פון דעם פאל זענען צוויי פערזאן פערוואונדעט געווארען.

4 א זייגער נאכמיטאג איז אין דער ריכטונג פון ווידזעוו געפאהרען א וואגען מיט מעבעל, וואס האט געהערט צו א פאמיליע יאקובאוויטש, וועלכע האט זיך ארויסגעצויגען אויף זומער-וואוינונג אין דארף סטאקי. אויפ'ן וואגען זענען געפאהרען די 25-יעהריגע דינסט ווראניקא מאגראוו און די 7-יעהריגע ערנא יאקובאוויטש (וווסכאדניא 7).

א געוויסען מאמענט איז ראפטום אנגעפאהרען אין דער געגענזעצטער ריכטונג אן אויטא, וועלכער איז געפאהרען קיין לאדז. די פערד, וואס האבען געפיהרט די זאכען אויף דאטשע, האבען זיך דערשראקען צוליב די אפטע אויטא-סיגנאלען, זענען געשפרונגען אין דער אונזערע זייט ביז דער אויטא איז ארויף אויפען וואגען, און דער אויטא איז בליץ-שנעל אנטלאפען. דער וואגען איז געווען איבערגעקעהרט, דאס מעבעל איז צושמעטערט געווארען. דעם מיידעלע יאקובאוויטש און דער דינסט האט מען אפויערגענומען פון אונטערן וואגען מיט וואונדען.

80.000 מענשען אין לאדז
וועלען געאימפט ווערען געגען בויך-טיפוס

(פ) די סאניטאר-מאכט אין לאדז גרייט צו א ברייטע אקציע צו אימפען געגען בויך-טיפוס 80.000 פערזאן. די אקציע וועט דורכגעפיהרט ווערען אין משך פון די זומער-חדשים.

„לעבענס-שטראהלען", וואס קאנען לעבעדיג מאכען א טויטען
ראדיא אלס הייל-מיטעל געגען פראגרעסיווען פאראליזש. — א פלירט-קורס דורך ראדיא. — ראדיא אין קאמף געגען דזשאז-באנד. — ראדיא אין די האטעלען

צוויי אמעריקאנער דאקטוירים סימס און ריטשארדס זענען דורך א צופאל דערגאנגען, אז די אולטרא-קורצע קלאנג-כוואליעס קאן מען בענוצען אלס מיטעל געגען פאראליזש. געקומען צו דער דאזיגער זעהר ווילכטיגער מעדיצינישער ענטדעקונג זענען זיי געקומען אויף אזא אופן: זיי האבען בעמערקט, אז דאס בעאמטען-פערסאנאל, וואס ארבייט ביי א ראדיא-סטאציע מיט אולטרא-קורצע קלאנג-כוואליעס זענען זעהר אפט קראנק געווארען. בעקומען היץ און שטארק געפיבערט. און אט ווען זיי געקומען צו אזא מסקנא. אז אויב מען קאן היילען א פאראליזש מיט איינשפריצונגען פון מאלאריע כדי ארויסצורופען פיבער, קאן דאך געמאלט זיין, אז מען זאל אויך קאנען היילען א פראגרעסיווען פאראליזש מיט די אולטרא-קורצע קלאנג-כוואליעס וועלכע רופען דאס אויך ארויס א פיבער.

[illegible]

„לעבענס שטראהלען". דער דאזיגער געלעהרטער שטעלט פעסט, אז די ווירקונג פון די דאזיגע קאסמאס-שטראהלען אויף די קעמערלעך פון די לעבענס-ארגאניזמען איז זעהר אויפלעבענד. דאס זענען אזעלכע שטראהלען, וואס האבען אין זיך די געהיימע קראפט צו פערוואנדלען די טויטע מאטעריע אין א לעבעדיג וועזען.

* * *

די ראדיא-סטאציעס אויף דער גאנצער וועלט האבען איינגעפיהרט פערשידענע וויסענשאפטליכע און שפראך-קורסען פאר זייערע אבאנענטען. מיט דער הילף פון ראדיא שיקט מען איבער לעקציעס איבער פיזיק און מאטעמאטיק, געאגראפיע און באטאניק, געשיכטע, שפראכען וכדומה.

לעצטענס איז אבער אויך איינגעפיהרט געווארען א זעהר אריגינעלער קורס פון... פלירטעווען. ארויס איז מיט דעם דאזיגען קורס די ניו-יארקער [illegible]

[illegible] געגנצען און נודיען זיך. דער דאזיגער קורס האט א מייסטענס צוהערער. די אמעריקאנער מיידלעך קוקען שוין אויס די שעה, ווען דער פלירט-קורס זאל זיך אנהויבען, און ווי לצים זאגען זענען די דאזיגע מיידלעך מאקע די גרעסטע פלירטשארעס און האבען א גאר גרויסען ערפאלג ביי דעם מיאוסען און פערהארעוועטען געשלעכט.

* * *

ווער האט דאס געקאנט זיין א נביא און פאראויסזעהען, אז דער דזשאדז-באנד, וועט בעקומען זיין טויט קלאפ נישט אין קיין אנדער לאנד, ווי אין זיין היימאט, אין אמעריקא, דארט, וואו ער איז געבוירען געווארען און פערנומען דעם אויבען אן. אין דער טויט-קלאפ בעקומט ער פון ראדיא. די מעלדונג „ראדיא קארפארעישען" אין אמעריקא צוזאמען מיט נאך עטליכע ראדיאפאנישע אונטערנעהמונגען, האבען געשאפען א גיגאנטישען אונ- [illegible]

[illegible] רעל'ן און דער ארקעסטער הויבט אויך שוין אן ארבייטען אין דער מאדע. דאס ערשטע, וואס ווארפט זיך פאר א פרעמדען אין די אויגען איז דער האטעל. לויט דעם האטעל אורטיילט ער דעם קולטור-ניווא פון'ם לאנד. און דעריבער מוז מאכען גאנץ גוט אונזערע האטעלן בעזונדערס אין פוילען, וואס זיי געהען איצט איינפיהרען אין זייערע האטעלען ראדיא.

און די איינארדנונג דערפון איז פאר די האטעלען זעהר ווילכטיג. ווארום אין יעדען האטעל, אפילו אין דריט אדער פירט-ראנגיגען איז דא א טעלעפאן. און אט קאן די זעלבע טעלעפאן-נעטקע, וואס זיצט ביי דער טעלעפאן-צענטראלע פון האטעל, בעקומען אזא ראדיא-איינארדנונג, וואס בעשטעהט פון עטליכע אבנעהם-אפאראטען פון איין און דעם זעלבען טיפ. צו יעדען אפאראט פיהרט א בעזונדערע אנטענע. יעדער אפאראט קאן אזוי ארום בעזונדער פונקציאנירען און אפנעהמען די אוידיציעס פון אן אנדערער סטאציע.

יעדעס האטעל-צימער איז פערזעהן מיט א רעהר'ל אדער מיט א הויל-לער, וואס בעקומען די אוידיציעס פון דער טעלעפאן-צענטראלע. דער, וואס וואוינט אין האטעל קאן זיך צו יעדער צייט פערבינדען מיט יעדער לוניע און הערען די סטאציע, וואס איז איהם אין דעם מאמענט אמליבסטען. דאס דאזיגע נייעס איז שוין איינגעפיהרט געווארען אין פיל אמעריקאנער האטעלען. די אמעריקאנער ביזנעס-לייט האבען זיך אויף דער דאזיגער איינפיהרונג נישט צו בעקלאגען. ווארום די פראקטישקייט אין זייערע אנשטאלטען האט זיך צוליב דעם בעדייטענד פערגרעסערט. ווארום די האטעל-געסט, ס'רוב נערוועזע סוחרים פון דער פרעמד ווילען האבען יעדעס פרישסטע נייעס פון דער בערזע, פרעסע-קאמוניקאטען און מאקע אויך אביסעל מוזיק, און דאס האבען זיי ביי זיך אין האטעל-צימער א דאנק דער ראדיא. פיל געסט בלייבען צוליב דעם אין די אווענדען אין האטעל ביים ראדיא-רעהרעל, און דאס ברענגט ווידער ריוח דעם רעסטאראן פון האטעל. הכלל די אמעריקאנער זענען גוטע ביזנעס-לייט.

מערקווירדיגער יום-טוב פון „מתן תורה"
(ענדע פון זייט 5)

[illegible]

סער יוד, וואס האט געהייסען אדער משה אדער יעזוס, און אז צווישען די צוויי נעמען און פערזענליכקייטען, צווישען וועמען די וועלט-היסטאריע אנערקענט אן'אונטערשייד פון איבער טויזענד יאהר, איז לויט זיי נאר קיין אונטערשייד נישט געווען. געוועהנליך איז דערפון צו זעהן, אז זיי קענען נישט דעם וועלט-קאלענדאר און דערפאר ווייסען זיי נישט פון אן אלטער מאזאאישער עפאכע און פון א נייער יעזואיטישער עפאכע. די צייט, וואס האט ביי זיי אונטערגעריסען דעם אינטעלעקט און פערטעמפט די מוחות איז ביי זיי גארנישט, אז זיי גערענקען אדער ווייסען פון א יעזוס, איז ער ביי זיי דער פערטרעטער פון דער יודישער רעליגיע אויף דער ערד.

אויב אזוי, אז יעזוס איז דער פערטרעטער פון דער יודישער רעליגיע אויף דער ערד, קומט ביי זיי אויס גוט עפעס אנדערש, אז דער סימבאל פון מתן תורה איז פערבונדען מיט'ן געבוירען ווערען פון יעזוס קריסטוס. אז יעזוס קריסטוס איז א גאט, אדער א זוהן פון גאט, פערשטעהען די דאזיגע מאראנען, אז זיין געבוירען ווערען אויף דער ערד איז דאס זעלביגע, וואס די גאב פון דער תורה צו די יודען.

און נימל — קומען זיך צונויף מאראנען פון'ם אינזעל לאס-פאלמאס און פילכמען אפ תקון. ווער פון זיי עס קאן לייענען, לייענט פאר צוהערער חמשי [illegible]

„העלענובעק"

א פאר ווערטער וועגן מיין בעזוך אין דארטיגען קינדער-אינטערנאט

דערנעהנטערנדיג זיך צום טויער פון ... אונגעם, איבער וועלכען עס פלאטערט די בלוי-ווייסע פאהן, דערהערט מען שוין די הילכיגע העברעאישע געזאנג פון יונגע-פרעהליכע שטימען. דאס זינגען חלוצישע לידער די 14—15-יעהריגע יונגלעך, וואס ארבייטען און גארטען ביי די פערציגע בייטען מיט אוגערקעס, פאמידארען, שפאראגען און אנדערע גרינסען.

דאס זינגען די „התקוה", די יונגערע קינדער, וואס פלאנצען זיך ביי די קלומבעס בלומען, וועלכע זיי האדעווען און פערקויפען נאכדעם לטובת דעם קרן הקימת.

דאס זינגען „תחזקנה" די 10—12-יעהריגע יונגלעך, וועלכע ארבייטען אין דער סטאלעריי און שלאסעריי, לערנענדיג זיך דארט פאר בעלי-מלאכות.

דאס זינגען „עם ישראל חי" די 2—3-יעהריגע קינדערלעך, שפילענדיג זיך אין א קאראהאד מיט זייערע פרעבלאנקעס.

ווי אין א קליינער ארץ-ישראל-קאלאניע פיהלט מען זיך ארייננקומענדיג אין דעם גרויסען שעהנעם הויף, וואס איז בעפוצט מיט קלומבען בלומען און בעוואקסען מיט ביימער און וואו עס ארבייטען, זינגען און שפילען זיך שיינע, דרייסטע, זויבער-געקליידעטע יודישע קינדערלעך.

שעהן זענען די ווייסע הייזער, וואס זענען געבויט געווארען אויף דעם ארץ-ישראל-מוסטער מיט גרויסע טעראסען. שעהן און גרויס זענען די שלאף-צימערן וואו די קינדערלעך שלאפען, ריין, זויבער זענען די ווייסע בעטען און דאס בעטצייג אויף זיי, גרויס און ליכטיג זענען די עס-צימערן, וואו די קינדערלעך עסען, גרויס און היגיעניש זענען די קוכען, וואו מען גרייט צו דאס עסען און בעזונדערס רייצענד שעהן זענען די גרויסע מיט זון-בעגאסענע טעראסען, וואו די קינדערלעך שפילען זיך.

א קליין פערסאנאל און וועניג דינעריי שאפט איז דא אין דעם אינטערנאט, נאר א דאנק דעם, וואס די קינדער זענען דארט איינגעוויינט צו ארדנונג און ארבייט, נאר א דאנק דער מיטארבייט פון די 120 קינדערלעך, וואס געפינען זיך דארט, הערשט אזא ארדנונג און זויבערקייט אין „העלענובעק".

אלץ, וואס עס איז נויטיג און א קינ-דער-פארם, צו א קולטורעלען, ערציהערישען און היגיענישען לעבען, איז דא אין דעם אינטערנאט: שעהנע, גרויסע, ליכטיגע קלאסען, וואו די קינדער לערנען זיך צו העברעאיש און אנדערע שפראכען, גרויסע, זוניגע צימערן, וואו די קינדער לערנען זיך אלערליי מלאכות, א גארטען, וואו אויסער די ביי-מען מיט אלערליי גרינס און בלומען געפינען זיך אויך בהמשטאלען און מען לערנט די קינדערלעך אויך בהמות-צוכט.

א פלאץ אויף גימנאסטיק און ספארט איבונגען, עטליכע שטאלען מיט בהמות א זוי די קינדער לערנען זיך אויסארביי-טען מילך-פראדוקטען, א קליינע דינא-מא-מאשין, וואס טרייבט דעם מאטאר, וועלכער גיט עלעקטריש ליכט און וואס-סער פאר די הייזער און גיט די מעג-ליכקייט די קינדער צו בעגיסען טאג-טעגליך די ביימער מיט גרינס און די בלומען. עס פעהלט אפילו נישט אין העלענובעק קיין בית המדרש, וואס איז איינגערוכט, ווי א גרויס-שטאטישע שוהל, אונטען פאר יונגלעך און א גא-לעריע פאר מיידלעך.

מיט פרייד, שטאלץ און האפנונג ווערט דאס הארץ אנגעפילט, קוקענדיג אויף דעם אלעם, און עס ווילט זיך צו-זאמען מיט די קליינע ארימע קינדער-לעך מיטזינגען „עם ישראל חי".

צאהן-דאקטאר מלכה רעזניק.

שניידער-אינדוסטריע בזשעזשין שטארבט אפ

פערצווייפעלטער הילפס-רוף פון 6000 בזשעזשינער טאנדייט-ש.יי.ע

(פ) פרייטאג איז אין דער לאדזשער האנדווערקער-קאמער אויפגענומען גע-ווארען א דעלעגאציע פון די בזשעזשי-נער שניידער-צעכען מיט'ן בורמיסטרז קאזלאווסקי בראש. דער ציל פון דער דעלעגאציע איז געווען, צוזוכען צוזא-מען מיט דער האנדווערקער-קאמער מיטלען ארויסצוראטעווען 6000 בזשע-זשינער שניידער פון שרעקליכער פער-צווייפלונג צוליב דער נויט-לאגע.

אין מעמאריאל, וואס די דעלעגאציע האט אפגעגעבען ווערט געזאגט:

בזשעזשין איז בעקאנט מיט איהר גרויסער קאנפעקציע-אינדוסטריע אין פוילען. אין דעם צווייג זענען בעשעפ-טיגט 6000 פערזאן, ד. ה. 40 פראצענט פון אלע בזשעזשינער איינוואוינער. די בזשעזשינער אויסארבייטונגען זענען אין אלע פרטים קאנקורענצלאז. א ראיה-אויפנייהען אנ'אנצוג קאסט אין בזשע-זשין פון 9 ביז 14 זל., בעת אינגאנ-צען פארטיגען אנצוג קאן מען בעקו-מען אין בזשעזשין פון 20 ביז 70 זל.

פאר'ן קריג זענען די בזשעזשינער אויסארבייטונגען געווען בעריהמט אין דער וועלט און דאס גרויסע רוסלאנד איז געווען זייער גרעסטער אפנעהמער. ביז 1927 האט די קאנפעקציע-אינדוס-טריע, אין בזשעזשין אויך נישקשה'דיג ענטוויקעלט, ערשט דער קריזיס פון 1928 אן ביז היינט, די אופאדלאשטשען פון די בזשעזשינער קליענטען האבען די בזשעזשינער אינדוסטריע איינגאנצען רואינירט. אלע שניידער-ווארשטאטען צוזאמען מיט 6000 ארבייטער זענען אהן בעשעפטיגונג. צוליב דעם שטארבט אויך אפ די שטאט בזשעזשין.

כדי אויסצומיידען דעם חורבן פון אונטערגאנג, וואס רוקט זיך אן אויף בזשעזשין, דארף די האנטווערקער-קא-מער זיך בעשעפטיגען מיט די 6000 לעבענס און די אונטערנעמונגען, וועל-כע האבען זיי געגעבען פרנסה.

די האנדווערקער-קאמער וועט זיך בעמיהען אז בזשעזשין זאל בעקומען אויסצופארטיגען אלע בעשטעלונגען פאר'ן מיליטער און פאליציי.

—:0:—

דאס ווירטשאפטליכע לאדז געגען צו-ליבעראלן ערטיילען „נאדזארן"

קאנפערענץ מיט'ן יוסטיץ-מיניסטער צאר

(:) היינטיגען דינסטאג וועט דער יוסטיץ-מיניסטער צאר אויפנעהמען א דעלעגאציע פון די לאדזשער ווירט-שאפטליכע קרייזען, וועלכע וועלען אינ-טערווענירען וועגען דעם צואפלייגען בעשטימען „נאדזארען" פאר האנדעלס און אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען.

די דעלעגאציע וועט אנווייזען, אז דאס, וואס די האנדעלס-געריכטען בעציהען זיך צו ליבעראל צו די בעשטימען וועגען בעשטימען „נאדזארען" און באנקראטען פאר פירמעס, ברענגט אריין א געוואלדיגע דעזארגאניזאציע אין דער האנדעלס-וועלט און דאס גראבט אונטער פיל הונדערטער ווירט-שאפטליכע עקזיסטענצען. דאס מאסענ-הייטע בעשטימען נעדזארט - אויפצולי-טען רעמאראליזירט אויך געוויסע קרעדי-טען פון סוחר'טום, וועלכע ווילען רעד-ווערען אויפ'ן אלגעמיינעם חורבן. א „נאדזאר" דארף בעקומען נאר א סא-לידע פירמע, בנוגע וועלכער עס איז פאראן די פולסטע איבערצייגונג, אז זי איז באמת אין צאהלונגס-שוועריג-קייטען און דער סאנירונגס-פלאן בעד-רוהט אויף רעאלע מעגליכקייטען.

גרויסע פערביטערונג פון טויזענד צר פערזיכערטע אין דער לאדזשער קראנקען-קאסע

מעמאריאל צום רעגירונגס-קאמיסאר

(§) די קרייז-קאמיסיע פון די קלא-סען-פעראיינען אין לאדז האט נעלטען איבערגעשיקט דעם רעגירונגס-קאמיסאר פון דער קראנקען-קאסע א מעמאריאל, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען, אז צווישען די ברייטע מאסען לאדזשער איינ-וואוינער הערשט א געוואלדיגע אונצופרי-דענקייט לגבי דער קראנקען-קאסע, וועל-כע מאכט שווערקייטען ביים געניסען פון מעדיצינישע און געלד-הילף פאר די פערזיכערטע. עס ווערט אנגעוויזען, אז די דאקטוירים ווערען בעצאהלט וואגען און זייער מעדיגקייט מיט א ספעציעל-פאר-געשריבענעם צעטעל מעדיצין און הייל-מיטלען. מען שיקט נישט ארויס די פער-זיכערטע אויף קוראציע אין די געהערי-גע ערטער און אז אויפ'ן ארט פון די דאקטוירים, וואס זענען אין אורלויב, ווערען נישט צוגענומען קיין פערטרע-טער. די ברייטע מאסען פערזיכערטע אין דער קראנקען-קאסע פאדערן אנ'-אויפקלערונג און בעטען דעריבער צו בעשטימען א געמיינזאמע קאנפערענץ מיט'ן קראנקען-קאסע - קאמיסאר אויף די נאהענטסטע טעג.

פאליציאנט דערשאסען דורך א שכור.

(ב) אין דארף רודא, לאסקער קרייז, איז צווישען א פאליציאנט און איינעם שכור'ע געפעסט אויף א פערוויילונג גע-קומען צו א געשלעג. א געוויסער טא-טושאק האט איינגע מאל אויסגעשאסען אין פאליציאנט. ער האט בעקומען שטערבליכע וואונדען. מאטושאק איז ארעסטירט.

קלאנג-קינאטעאטער
Casino
היינט גרויסע פרעמיערע
פון קלאנג-קונסטווערק
„דאס וואהנזיניגע מעדעל"
אריג. טיטעל זי געהט אין מלחמה
אנ'עפאפא-מאכענדע דראמע פון דער וועלט-מלחמה. אין די הויפטראלען די צוויי עקראן-העלדען:
Eleanor Boardman
Alma Rubens
נאכנישט געזעהענע אין קיין שום פילם, סצענעס פון טאנק-אטאקעס צווישען א ים-פ יער און פיל אנד.
קלאנג-אטראקציעס.
אויסערן פ. א. א.: אנ'איגלענדישע צוגאבע און קלאנג - אקטואליטעטען פון מעטרא-גאלדווין-מאיער.
בעמערק: אויסשליסליך נור ביי אונז!
פייערליכע עפנונג פון לאדזער קרייז-געריכט.
אנהויב 3.30, 4.30, 6, 8, 10 אוונט.
דער זאל ווערט ווענטילירט מיט די מאדערנסטע אפאראטען.

Co mówią liczby:

SPRZEDANO W ZESZŁYM ROKU
O całe 700 metrów wyższy od Giewontu byłby słup ustawiony z tego mydła.
NAJLEPSZY DOWÓD POPULARNOŚCI

אויף לאדזער טעמעס

בזיון המת

מיט א צייט צוריק האט „לאדזשער טאגעבלאט" שארף פראטעסטירט גע-גען דער ליטונג און דאקטוירים פון ראדאגאשטשער שפיטאל, וועלכע האבען זיך גענומען פאלמעס'ען יודישע מתים. די ליטונג פון יענעם שפיטאל האט זיך דאן פערענטפערט, אז די סעקציעס ווערען געמאכט נאר אויף אזעלכע מתים, ביי וועלכע ס'איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען די קראנק-הייט. א דאנק דעם פראטעסט פון „לאדזער טאגעבלאט" געגען דעם בזיון המת, האט די ליטונג אפגעשטעלט דאס פאלמעס'ען יודישע מתים.

איצט איז דער פערדרוס נאך גרע-סער, ווען מיר הערען, אז אויף דעם זעלבען וועג האט זיך געלאזט דער איי-נציגער יודישער פאזנאנסקי'ס שפיטאל אין אונזער שטאט. פון דעם יודישען שפיטאל, וואו אין דער שפיץ פון דעם קאמיטעט שטעהען אנגעזעהענע נא-ציאנאלע עסקנים, האבען מיר די רעכט צו פאדערען נישט מבזה צו זיין דעם יודישען מת.

און דאס מאל קאן די שפיטאל-לי-טונג אפילו נישט געבען דעם זעלבען תירוץ, וואס דער ראדאגאשטשער שפי-טאל, אז גע'פאלמעס'ט ווערען נאר די מתים, ביי וועלכע ס'איז נישט פעסט-געשטעלט געווארען די קראנקהייט. ווא-רום אין פאזנאנסקי'ס שפיטאל איז גע'פאלמעס'ט געווארען א יוד, וואס האט צוויי יאהר געליטען פון א לונגען-קראנק-הייט, און אין שפיטאל איז ער געלע-גען צוויי וואכען, אזוי אז ס'קען גאר קיין רעדע נישט זיין, וועגען א „נישט-פעסטגעשטעלטער" קראנקהייט. און אויב די שפיטאל-ליטונג האט, נישט קוקענדיג אויף דער אונטערוועגיע פון „חסד של אמת", דאך דעם יוד (אגב א פרומען יוד) גע'פאלמעס'ט, איז דאס אנ'אומדערהערטער סקאנדאל.

די ה"ה דאקטוירים פון פאזנאנס-קי'ס שפיטאל האבען נישט קיין רעכט צו צעטרייבערען און צופיצלען יודישע מתים ווי להבדיל א בהמה...

פאזנאנסקי'ס שפיטאל שטעהט אונ-טער דער געזעלשאפטליכער קאנטראל, און די יודישע געזעלשאפט האט א רעכט צו פאדערן זאפארט אפצושטע-לען די מתים-שנעדונגען!

אלף.

שטיצע פאר ארבייטסלאזע

דער מאגיסטראט טיילט מיט, אז דינסטאג דעם 24. ד. ח. וועלען זיך אנ-הויבען די אויסצאהלונגען פון די דריט-טענדע אונטערשטיצונגען פאר מאי 1930 פאר די ארבייטסלאזע, וועלכע האבען בעקומען שטיצע פאר אפריל אדער זיי האבען פערלוירען אלע רעכט אויף אונ-טערשטיצונגען פאר'ן חודש אפריל ד. י. און זיי האבען צו ערנעהרען פאמיליעס.

די אויסצאהלונגען וועלען פארקומען אויף נאראנסקא 131 פון 9 ביז 2 נאכמי-טאג לויט פאלגענדען סדר:

דינסטאג וועלען בעקומען די שטיצע די ארבייטסלאזע, וועמענס נעמען עס הויבען זיך אן מיט —

A, B, C, D, E, F
מיטוואך —
G, H, I, J
דאנערשטאג —
K, L, Ł
פרייטאג —
M, N, O
שבת —
P, R, S
מאנטאג —
T, U, W, Z, Ż

פערקויפטע נשמות

שפאנענדער ראמאן

(80 פארטזעצונג)

אייגענטליך האט זי שוין ביים ערשטען מאהל, ווען ער איז דא געווען, ארויסגעוויזען א נאהנטע, אינטימע בעקאנטשאפט מיט איהם, פונדעסטוועגען, האט ברייט-שייד כסדר געטראכט וועגען קעניגליכען הארעם, און זיין געדאנק האט געצויגען צו, זיין איינציגער געליבטע — האננא.

היינט איז ער געווען אנדערש געשטימט.

איינער פון ברייטשייד'ס שפיאנען האט צווישען געטהון, אז איבערן גאנצען פארק האט מען בעפוילען א דורכצופיהרען א רעוויזיע, אויפצוזוכען די יונגע, בלאנדע האננא לעבלאנק. דערהערענדיג די ידיעה, איז ברייטשייד איינגאנצען אויפגעשפרונגען פאר פרייד.

ער אליין האט בדעה געהאט ארויסצושיקען זיינע שפיאנען, אז זיי זאלען אויסזוכען זיין געליבטער.

ביז יעצט האט ברייטשייד נישט געהאט קיין שום ידיעה וועגען זיין מיידעל. דער געדאנק, אז זיין געליבטע קען זיך נאכאמאהל געפונען אין קעניגליכען הארעם, האט איהם אריינגעפיהרט אין א געוואלדיגער פערצווייפלונג.

צו דעם צוועק איז ער אויך יעצט געקומען צו דער פירשטין.

די שעהנע לאמבאלא איז אליין ארויסגעגאנגען אין גארטען אריין, דעגעגענען ברייטשייד'ן. זי האט איהם ארייג-געפיהרט אין שלאס וואו עס איז שוין געווען פארגעגרייט א הערליכע אויפנאהמע.

— ... גער וועט איך דא נישט זעהן, — האט געזאגט די שעהנע פירשטין. — איהר קענט דרייסט רעדען פריי איז הויף. עס וועט אייך קיינער דא נישט שטערען.

ברייטשייד האט געוואלט דאנקען פאר דעם קבלת-פנים און אוועקגעהן, אבער זי האט דערפון נישט געוואלט הערען. זי האט אפילו אליין דערלאנגט צום טיש.

ברייטשייד, אלס פיין-ערצויגענער קאוואליר, האט נישט געקאנט ענטזאגען אזא ליבליך און חנופה'דיג בעטען. ער האט געהאט א ציל דערביי. ער האט געוואלט וואס בעסער לעבען מיט איהר.

ער האט פון זיך אראפגעווארפען דעם ווייסען מאנטעל, וואס ער האט געהאט לייכט ארומגענומען, אבער פאר דעם האט ער אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש א שווער זעקעל.

— וואס איז דאס? — האט די פירשטין א פרעג גע-טון, פערמאכענדיג גלייכצייטיג די טיר.

— דאס האב איך פון דער לעצטער יאגד. איהר אליין האט דאך מיר געגעבען אנווייזונגען. אז אין מלוכה-אוצר לי-גען גרויסע סומען געלד. עס איז מיר געלונגען, ווי איך אצבעם-טען, און דא ברענג איך אייך אייער חלק. דא זענען פערהאן צוויי מיליאנען דוקאטען, פולע וואג.

די פירשטין'ס אויגען האבען אויפגעשטראהלט פאר פרייד, ווייל דער קעניג איז געווען זעהר שפארזאם, און פאר די הויף-מענשען איז ער אפילו געווען זעהר קארג. ער-שטעהט זיך, אז אויף זיך אליין, האט ער די גרעסטע סומען נישט געזשאלעוועט.

צוליב דעם מאקע האט די פירשטין, וועלכע האט זיך תמיד געווארפען מיט'ן געלד, לעצטענס געפיהלט א שטאר-קען געלד-מאנגעל.

אין פאריז האט זי אפילו געהאט אנ'אפענעם קרעדיט. מען האט אבער געוואוסט, אז לעצטענס איז צווישען איהר און דעם קעניג פארגעקומען א ענדערונג, אזוי, אז מען האט איהר אומעטום אפגעזאגט דעם קרעדיט. די פירשטין איז געווען צופרידען. וואס עס עפענט זיך פאר איהר א נייער קוואל, פון וואנען זי וועט קענען שעפען פרישע איינקינפטען.

— זיצט! — האט די פירשטין דאסטיג א זאג געטון,

— ניגעטמטא האט מיר שוין געזאגט, אז איהר זענט געווען אין מלוכה-אמט און גאנץ פאריז איז דעריבער אויפגעקאכט. איך וואלט אבער גערן געוואלט וויסען גענויע פרטים.

ברייטשייד האט איהר צוליב געטון און אין קורצע ווערטער האט ער אנגעהויבען דערצעהלען זיין גאנצען מע-טינקייטס-פלאן.

די פירשטין האט אלעס אויסגעהערט מיט גרויס אויפ-מערקזאמקייט.

מאמענטענווייז האט זי איינגאנצען אויפגעציטערט, די ברוסטען האבען זיך ביי איהר געהויבען מיט אזא קראפט, אזוי ווי זיי וואלטען זיך געוואלט ארויסרייסען פון דער הויט. אין איהרע אויגען האט מען געקאנט ארויסלייענען פער-וואונדערונג, פערבונדען מיט ליידענשאפט.

— אבער דאס איז דאך געווען א זעהר ריזיקאלישער שריט! — האט די פירשטין אויסגערופען, איינהאלטענדיג דעם אטעם. — איהר האט דאך איינגעשטעלט אייער לעבען.

— דאס איז גארנישט, — האט ברייטשייד א זאג גע-טון מיט א קאלטער רוהיגקייט — און פערגלייך מיט דעם, וואס איך האב ערשט בדעה אויפצוטון. נישט בלויז פראנק-רייך, נאר די גאנצע וועלט מוז זיך דערוויסען, ווער ברייט-שייד איז.

די פירשטין האט זיך ספעציעל אנגעטון אין א רייצענ-דען, דורכזיכטיגען שלאפראק, כדי צו ווייזען איהם איהר שעהנעם קערפער, וואס האט געקאנט אפילו דאס קאלטעס-טע בלוט דערווארעמען.

ברייטשייד איז אבער געווען ווי א מענש נישט מיט אזעל-כע שוואכקייטען, ווי אלע. ער האט געקענט הערשען איבער זיינע ליידענשאפטען. איבערהויפט איז ביי איהם האננא געווען א סך שעהנער פון דער פירשטין, און א חוץ דעם איז נאך זיין האננא א מיידעל א אונשולדיגע און די פירשטין — שוין לאנג נישט...

— וואס איך האב ביז יעצט געטון איז נאר געווען בלויז א קינדער-שפיל.

יעצט איז געקומען די אמת'ע צייט, אז מיין נאמען זאל בעריהמט ווערען איבער דער גאנצער וועלט. איך וויל אויפ-טון אייסערגעוועהנליכע זאכען, ערווערבען גרויסע סומען. וואס פאר א בעדייטונג האט פאר מיר דרייסיג טויזענד דו-קאטען. אז איך קען האבען מיליאנען!

ברייטשייד האט זיך בעצויגען צו דער פירשטין מיט דער גרעסטער אכטונג און דרך ארץ.

— אין קורצען דארף מען ברענגען צו פיהרען קיין פאריז איבער א מיליאן דוקאטען אויף פערשיידענע הויף-אויסגאבען, — האט די פירשטין דערצעהלט.

— א גרויסע סומע. אלעס אודאי פאר די הויף-דאמען, — האט ברייטשייד בעמערקט מיט איראניע — פאר דער אויסערגעוועהנליכער געברויך פון דער מארקיזין פאמפאדור. איז עס נישט אזוי?

— איך האס זי, — האט די פירשטין א זאג געטון, — איך קען זי נישט אנקוקען. אלזא, הער אויס, ברייטשייד, דער מיליאן דוקאטען קומט אן פון ארלעאן קיין פאריז. אבער דאס געלד וועט זיין זעהר שווער צו פערכאפען.

— עס איז נישטא קיין שוועריגקייטען אויף דער וועלט, — האט ברייטשייד געענטפערט מיט א לייכטען טאן.

— אבער זאגט מיר, — האט זיך אנגערופען די פירש-טין, — וויפיל מענשען האט איהר צו אייער דיספאזיציע, מענשען אויף וועלכע איהר קענט רעכענען און פאל, ווען עס וועט אויסברעכען א קאמף?

— יעצט האב איך דערווייל דרייסיג מענשען, אבער עס וועט נישט לאנג געדויערען, און איך וועל האבען מעהרערע, הונדערטער און אפשר טויזענדער.

— איזה רווח מסתמא צו בעקומען דרייסיג מענשען, אבער דערווייל זאגט איהר, בעשטעהט אייער חברותא פון דרייסיג פערזאן, און דאס איז דורכאויס וועניג אנצופאלען אויף אנ'עסקארטע, ווייל א גאנצער פאטראל זעלנער וועט מיטפאהרען מיט די וועגען, אויף וועלכע מען וועט ברענגען דאס געלד.

— נאר איין אפטיילונג? — האט ברייטשייד אויסגע-רופען, — איין אפטיילונג זעלנער? דאס שרעקט מיך נישט אפ. איך וועל ריזיקירען און אויספיהרען דעם אנפאל.

— מיט דרייסיג מענשען אויף טויזענד בעוואפענטע זעלנער? האט די פירשטין מיט פערוואונדערונג געפרעגט.

— ניין, דאס וואלט דאך געווען א משוגעת. — טראכט נים דערוועגען, דאס איז א אונמעגליכע זאך איך וויל אייך בע-סער זאגען, וואו עס וואוינען די פאריזער מאגנאטען און וואו זיי בעהאלטען זייער געלד.

(פארטזעצונג קומט)

גימנאַזיום מיט מלוכה-רעכט
Żeńskie Gimnazjum
Tow. „KULTURA“
פיעטריקאָווער 85, טעל. 174.85

דאָס איינשרייבען פון שילערינס קומט פאָר יעדען טאָג פון 9 פריה ביז 12 פאַרמ.

די פאַר-וואַקאַציע-עקזאַמען קומען פאָר פון 20-טן ביז דעם 28-טן יוני. דער אָפצאָהל איז אַ קליינער. פאַר מלוכה-אָנגעשטעלטע דעקט די מלוכה-קאַסע דעם שכר למוד.

7-קלאַסיגע שולע. אין פרעבעלשולע — פון — די רענאמירטע ערציהונגס-אַנשטאַלט
קאַצענעלזאָן-נאַחומאָב
נאַד לודקא 8 (צווישען נאָוואָמיעסקא און וואָסקאָדניאַ)
טעלעפאָן 177-01 (פון 11 ביז 2)

קינדער אין שול-צוואַנג עלטער ד. ה. פון 7 ביז 15 יאָהר ווערען אָנגענומען אין די קלאַסען A, B, C, I, II, III, IV.
אין פאָרבערייטונגס-קלאַס A° ווערען אָנגענומען ענטוויקעלטע קינדער פון 5½–7 יאָהר. אין די פרעבעל-שולן קינדער פון 3-7 י.

חוץ דעם אַלגעמיינעם שול-פּראָגראַם, קענען די אָרטאָדאָקסישע קינדער געניסען פון נאָכמיטאָג-חדר, וואו ס'ווערט געלערנט גרינדליך אַלע למודי-קודש, דהיינו: חומש, רש"י נ"ך, גמרא ותוספות דורך מלמדים ספעציאַליסטען אונטער דער פערזענליכע השגחה און הנהלה פון בעוואוסטען למדן ר' יעקב בנימין קאַצענעלזאָן בעמ. די צאָהל שעה'ן, ווי אויך מלמדים פאַר למודי קודש זענען היי-יאָהר בעדייטענד פערגרעסערט פאַר פיזיש-שוואַכע קינדער, ווי אויך פאַר אונבעמיטעלטע עגז. א

נאָכמיטאָג-שולע / נאָכמיטאָג-חדר	בּיליגער ביז 50%	נאָכמיטאָג-פרעבעלשולע

7-kl. **Szkoła** dla żyd. inteligencji (Zakład Freblowski)
Kacenelson-Nachumow
ul. **Pomorska 20** (tel. 183-40). Zapisy w g. 4–7 pop.

7-קל. שולע פאַר קינדער פון יודישער אינטעליגענץ (און פרעבעלשולע)
קאַצענעלזאָן-נאַחומאָב
פאָמאָרסקא 20 טעלעפ. 183-40 (איינשרייבונגען פון 4–7 נאָכמיטאָג

די שול-קאַנצעלאַריע נעמט אָן איינשרייבונגען פון קנאַבען און מעדכען וואָס זענען אין שולצוואַנג. אין פאָרבערייטונגס-קלאַס (A) ווערען אָנגענומען קינדער פון 5½ יאָהר. אין פרעבעלשולע (שפּיל שולע) קינדער פון 3–7 יאָהר

די אונטעריכטס-שפּראַך אין שולע, ווי אויך אין פרעבעל-שולע איז פּויליש.
פיר קנאַבען פיר מעדכען — א פערגרעסערטער קורס פון העבּרעאיש און אַלע למוד קודש אונטער דער הנהלה פון ר' י. ב. קאַצענעלזאָן, א ספעציעלער קורס פון טענץ, ריטמיק, פּלאַסטיק לויטן פּראָגראַם פון טאַנץ-שולען פיר קינדער אונטער פאַכמ. לייטונג
פיר פיזיש שוואַכע קינדער, ווי אויך פיר אונבעמיטעלטע ווירד ערפעפנט א

נאָכמיטאָג-שולע	ביז 50% ביליגער	נאָכמיטאָג-פרעבעלשולע

7-io klasowa szkoła męska
(z pr. szk. państw.)
SZ. ZULDENRAJNA
29 Południowa 29

עם גן ילדים איז די געוואונשענע שולע פאַר קינדער, וואָס די עלטערן ווילען זיי געבען צוזאַמען מיט וועלטליכע בילדונג א שטרענגע רעליגיעזע ערציהונג און גרינדליכע לעהרע אין תנ"ך, העבּרעאיש ווי אויך אין תלמוד. דאָס לעהר-פערסאָנאַל בעשטעהט פון די בעסטע פעדאַגאָגישע קרעפט, אין פאָרבערייטונגס-קלאַס ווערען אָנגענומען שילער פון 5½ יאָהר אָהן שום קענטניס.
איינשרייבען טעגליך אין אַלע קלאַסן פון 9 ביז 2 און פון 4 ביז 6 נאָכמ.

GIMNAZJUM ŻEŃSKIE
Marji Hochsteinowej
Wólczańska 23, tel. 214-27
מיט פולע רעכט פון רעגירונגס-גימנאַזיעס (קאַטעגאָריע A)
די איינטריטס-עקזאַמענס וועלען זיך אָנהויבען דעם 23-טען דעם חודש

גראַנד-פּענסיאָנאַט
אין פּאַדעמביע (ביי טושין) עמפעהלט זיך אויפ'ן זומער-סעזאָן

צו א גאַרדינען-העפטער
ווערט פון זאָפאָרט געזוכט שרעקעס און אַנ'אַרבּייטער. צו ווענדען זיך אויף אַלעקסאַנדראָווסקאַ № 26 ביי ה' גאָלדוואַרג, לינקס, צווייטער איינגאַנג פּאַרטער. 3814

אלע יודען מוזען וויסען,
דאָס אַקטען, אינטערציזעס, דראָזשונעס ווי אויך קלאָוזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס ווערען ערלעדיגט אין פערלויף פון 24 שעה אין דער רעכטסקאָנסולטענטען-ביוראָ „ריבּמאַ“ צעגיעלניאַנאַ 43.

אין מיין ביוראָ
ווערט ערלעדיגט ביטעס אין אַלע אורזענד'עס סאָנדעס, היפּאָטעקן, ירושות, די בעסטע עצות אין יורידישע געשעפטן אויך היפּאָטעקן-חובות
י. זאַמעק פּאָמאָרסקא 19
טעלעפאָן 200.10
קלויזולעס ווערען ביי מיר ערלעדיגט אין משך פון 24 שעה

אי שתיקי לך, נפיק מניה חובה (שבת כ"ט)
אַלע יודען דאַרפען וויסען, אַז מ'טאָר נישט צע-געסן, נאָר זאָפאָרט קומען אין מיין ביוראָ, וואו ס'ווערען געשריבען און ערלעדיגט לויט'ן אוסטאַוו:

קלויזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, אַלע אַרט פּאָדאַניעס, אויך שותפות-אַקטען, וואַרונגס-אַקטען, אַפּעלאַציעס, ווילאַנטשעניעס א. ד. גל.
רעכטס-קאָנסולענט: **י. ח. בוזין**
לאָדז, אָגראָדאָוואַ 3. טעל. 191-48.
(עגזיסטירט זייט יאָהר 1910).
קלויזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס אויף גאַנץ פּוילען ווערן ערלעדיגט אין 24 שעה

רעיעל און פּינקטליך
שערט אין מען **שליכט** וואָלענע און באַוועלנע קעטען אין דער — — שליכטערײ
J. ZURKOWSKI Łódź, Podleśna 18, — Tel. 21-550. —

DLA SMAKOSZY
LODY cremo fres
i inne. Cena 1 porcja 1.—zł.
½ porcji—60 groszy
w Cukierni
B. Gostomskiego
Piotrkowska 76.

אינזש. אורי גליקליך וואַרענט, אַז
איידער איהר מאַכט דעם לעצטען דעצידירענדען טריט און בעשליסט צו קופען וועלכע נישט איז מאַשין, וועלכען נישט איז אַרטיקעל פיל דער טעכנישער בראַנזשע, ווענדעט זיך צוערשט
צו אונז
מיר האָבען די גענעראַל-פערטרעטונג פון פערשידענסטע-ערשטקלאַסיגע, וועלט-בערימטע אויסלענדישע פאַבריקען און דאָס אויסשליסליכע רעכט צו פערקויפן זייערע אויסאַרבייטונגען אין פּוילען
איידער איהר מאַכט דעם לעצטען דעצידירענדן טריט און בעשליסט צו קויפען
שוין גנוצטע לאָקאָמאָבילן, מאָטאָרן, אויטאָמאָבילן אָדער פערשידענסטע אַנדערע אַרטיקלען פון דער טעכנישער בראַנזשע,— בעראַט זיך צוערשט אומבעדינגט מיט **אונז**
אונזערע אינזשינערן, ערפאַרענע ספעציאַליסטען אויף אַלע געביטען, וועלן אייך געבען זייער פאַכמענישע מיינונג, נאָך גענויער אויספּראַבירונג און איבערנעמענדיג אויף זיך די פולע גאַראַנטיע.
מיר שטעלען גלייכצייטיג איין פערטרעטער אין אַלע פונקט פון דער פּוילישער רעפּובליק. מיט אָפערטען קענען זיך ווענדע נור פערזאָנען מיט פעראורטיילאָזער פערגאַנגענהייט, וואָס בעזיצען אַנטשפּרעכענדע בעסטע רעפערענצען, אויסערסט טיכטיגע ענערגישע און רעפּרעזענטאַטיווע. געוויסע טעכנישע קענטנישע זענען געווינשט.

מיר ליפערן דאָס בעסטע אויף מעגליכסט גוטע בעדינגונגען.

ווענדעט זיך שוין צו אונז, דען אָן ריזיקאָ וועט איהר האָבּע בּיידייטענדע געלד געווינסטן:
Inż. Urij Gliklich, Warszawa,
Elektoralna 11/12
skrz. poczt. 393. —— Tel. 36-76.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פאַר ווענערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.
קוואַרץ לאַמפּ-עלעקטרישער היילקאַבינעט-קאַסמעטיק
טעגליך פון 8 א זייגער פריה ביז 9 אָוונט
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג
בעזונדער וואַרטע צימער פאַר פרויען
וויזיט 3 זלאָטעס

טוך- און קאָרט-לאַגער
Sz. Maroko, Łódź
נאָוואָמיעסקאַ 2 פראָנט 1 שטאָק טעל. 15948
עמפּפעהלט צום פריהלינג-סעזאָן א גרויסען אויסוואַהל פון די נייעסטע און בעסטע דאַמען- און מענער שטאָפען

אַ נייער אויסלענדישער לוקסוס
פּאַטעפאָן
צו פערקויפען פאַר 115 זלאָט. וואָסקאָדניאַ 16 וו. 9 הויף פּאַרטער.

א פאַבריקס-לאָקאַל
פון 4 פענסטער מיט קראַפט-בעטריב, געאייגנעט אויך פאַר געשעפטס-לאָקאַל אָדער עקספּעדיציע איינגאַנצען אָדער העלפט צו פערמיטען. ערקונדיגען דורך טעל. 13-136.

נעגעל שווייס פון פיס
און אָדציסקיס, נוצט נור פּראַשעק און פּלאַסטער „ראַדיקאַל“ פּרייז נור 30 גראָשען אויך אַ גוט מיטעל צו וואַנצען גאַראַנטירט אויף אַ גאַנצען זומער, פּרייז 75 גר. פאַר אַ פלעשעל פון 100 גראַם, אויך פלין „ראַדיקאַל“ וואַשט אָפּ שמוץ און פלעקען פון אַלע קאָלירטע שיך. פּרייז 50 גראָשען אַ פלעשעל. צו בעקומען ביים צייטונגס-פערקויפער ווינער, פּיעטריקאָווער 10

צו וואָס זאָלט איהר ליידען
פון שווייס פון די פיס פון וועלכען די הויט קריכט אָפּ און עס מאַכט זיך ראַנעס און פון שלעכטען ריח, וואָס קיין מענש קען נישט שטעהן נעבען אייך, און פון אָדציסקעס, אַז אין 2 טעג קענט איהר דאָס בעזייטיגען נוצענדיג דעם פּראָשעק און פּלאַסטער ראַדיקאַל מיט מיינעם סטעמפּעל. פּרייז 30 גראָשען. צו בעקומען נור ביי דעם צייטונגס-פערקויפער אַלטע שטאָט 1, וועלניאַרז און אויך ביים צייטונגס-פּערטויפער צעגיעלניאַנאַ 37 נעבען אייערגעוועלב. אַ-יך אַ גוט מיטעל צו וואַנצען גאַראַנטירט זעהר גוט. געדענקט דעם אַדרעס.

Wystrzegać się naśladownictw

o podobnym brzmieniu

הולך בתום ילך בטח, ומעקש דרכיו יודע
גויל אלו רקיעי, קני כל חורש תא:
דיו אלו ימי וכל מי בנישן תא:
דירי ארעא ספרי ורשמי רשו תא:
קענען נישט איבערגעבען דאָס רעעלקייט פון דער אַלט-בעוואוסטער רעכטסקאָנסולענטען-ביוראָ פון ה'
מאַנעלאַ, פּיעטריקאָווער 17
(זאַכאָדניאַ 52) טעל. 148-79
וואו עס ווערט פינקטליך ערלעדיגט, ג ע-וויסענהאַפט געשריבען אַלערליי ביטעס: ציווילנע, קאַרנע, האַנדלאָווע אַפּעלאַציעס, אַדוואָלאַניעס, קלאָוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, וועגען דירות אין אורזשאָנד ראָזיעמטשי. ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. מיט אַכטונג
ד. מאַנעלאַ, פּיעטריקאָווער 17

שרייבען שעהן און שנעל
לערנט אויס דער בעריהמטער קאַליגראַף ל. בערמאַן אין 15 לעקציעס. אויך ווערט אויסגעלערנט גוט שרייבען א יודישען בריף אין 15 טעג, אפילו דעם וואָס קען גאָרניט. די עלטער שפּילט קיין ראָלע ניט.
זאַוואַדזקאַ 19 פר, 1 שט.

לעזט!
אַכטונג! ═══ אַכטונג!
קאָנקורענץ-פּרייזען!
כדי צו ערמעגליכן די ברייטסטע קרייזען פון ג' פּובליקום צו בעקומען אַ ביליגע און גוטע קינסטלערישע אויפנאַהמע' זענען די פּרייזען אין מיין פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט געוואָרען פערקלענערט ווי

12 שטיק	(„Express pictures“)	זל.	2
6	פּאָסט-פאָטאָגראַפיעס	„	2
6	פּאָסט- ברוין	„	6
6	„ אויף זייד	„	8

אַכטונג צו אַ ½ טוץ זיידענע פּאָסט-פאָטאָגראַפיעס גיט מען צו **אַכטונג**
אַנ'אָריגינעלען פּאָרטרעט בחנם!!
ס'ווערען אויך אויסגעפּערטיגט פּאָרטרעטען אין ראַהמען און אויך אַ פערקויף פון ראַהמען.
קומט און איבערצייגט אייך!
מיט אַכטונג
„PARISIEN“
קונסט-אַנשטאַלט
פראַנצישקאַנער 30.

חדשה בספרות העברית!
יצא לאור זה עתה ספר מדעי-אמנותי יחיד במינו, המענין, מענג ומושך את לב הקורא בתוכנו ובסגנונו, בשם
„המוסיקה בכתבי הקדש, בתלמוד ובקבלה“
מאת **י. קיהן**
הספר נדפס בהידור על נייר משובח ומכורך יפה. מחירו עם המשלוח 1 דולר. להשיגו אצל המחבר
J. Kühn, WIEN XX, Karl Meisslstr. 1

בעזהש"ית
מודעה רבה לאוריתא
הנני מודיע בשער בת רבים שיצא לאור עולם הס'
„נפלאות הסבא קדישא“
מר"כק אדמו"ר הר"הק המפורסם בכל קצוי תבל רשכבה"ג מרן ר' **ישכר בער** זצ"ל **מראדאשיץ**,
בו יסופר נפלאות, וח"ח, ושיחותיו ומדרגותיו הנוראים מופת העצומים, אשר קדש בהם שם שמים ברבים, וכל קורות ימי חיי מטרם התגלותו עד יום הסתלקותו, אשר נפש הקורא יתענג בהן עונג רוחני, וי,תלהב לבו לעבודתו ית"ש, ע"כ כל מי שלא זכהב עדין משכו וקחו לכם ברכה לתוך בתיכם, וזכות הצ"הק המובאים בתוך הספר יעמד לנו שנזכה להרמת קרן ישראל במהר הולגאולה שלמה ובנין ציון וירושלים בב"א.
הצעיר ראובן חיים אלכסנדר
בהר"הח מו"ה יוסף יהודא ז"ל מראדאשיץ
לאָדז, קאַמיענא 17
הערה: גם התמונה של הר"הק הנ"ל יש להשיג אצלי.
בעמערקונג: אזוי ווי ס'האָט איינער אַרויסגעגעבען מעשה-ביכלעך פון אדמו"ר הק' ר' אליעזר דוד זצ"ל מראַדאשיץ, און פון פּאָרענט שטעהט א בילד, זאָל מען וויסען, אַז עס איז פולשטענדיג ליגענד, און עס איז אָהן ערלויבניש פון הרבנים הצדיקים שליט"א מראַדאשיץ. מען איז איהם מזהיר מהיום והלאה זאָל אַזעלכעס נישט פּאַסירען, בפקודת בני הרה"ק מראדאשיץ זצ"ע הנ"ל.
אַדרעס שלי: R. Czarnicha, Łódź, Kamienna 17
הספר וגם התמונה להשיג גם במסחר הספרים „ראָטינבערג“ לאָדז, נאָוואָמיעסקא 31

8-טונג!
דאָס
לאָדזער טאָגעבלאַט
בעקומט מען טעגליך 6 אַ זייגער פריה אין אַלע פּאָהזו-קיאָסקען
„רוך“ („Ruch“)

וויכטיג פאַר דאַמען!
מאַכט איך די עלעגאַנטסטע דאַמען-היטע נאָך דער לעצטער פּאַריזער מאָדע און די עלטעסטע היטע איבער-אַרבּייטע איך אויף גענצליך ניי. געדענקט די אַדרעס: 23 זאַוואַדזקאַ 23
פאַר נאָר **2.50** זל.
בעמערק.: ניי היטען די לעצטע נייהייטען אין פאַבריק ביליגער 50 פּראָצ. ווי איבעראַל אויספערטיגונג
„TOLA“

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: [illegible] אַנאָנסען-פּרייז: [illegible]
Redaktor-wydawca H. Hamburski
Wydawca: H. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 15